№ 42. צווייטער יאהרגאנג

# יודישע פאלקס-צייטונג

כ"ד תשרי תרס"ד. פערלאג „פאלקס-בילדונג" ווארשא. 15 October 1903.

אינהאלט: וואס דארף זיין דער ציוניזם?; ש. צ. זעצער. — זאנגוויל'ס רעדע אין לאנדאן; י. מ. זאלקינד. — אוגאנדא; אברהם. — דער מסחר צווישען ארעס און אוגאנדא. — פאליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס. — ידיעות פון האמעל. — דער לייב און דער העלפאנט, (א מעשה'לע); דוד פינסקי. — מיין פריינד, צי דו ווייסט?... (שיר); אברהם רייזען. — ביים רב אין שטוב; מ. י. ב. — איין אלטע עצה אויף א נייע פראגע; א. ש. זאקס. — אלערליי.

יודישע פרויען-וועלט: I אלגעמיינע נייעס. — פרויען־מלוכה; מלכה גאלדמאן. — אלערליי. מודעות

פעליעטאן: פון אלע עקען וועלט; א וועלט-מענש.

## הוצאת תושיה.

# מלון

## של כיס.

### מעברית לרוסית ואשכנזית (באותיות עבריות)

מאת י. נרזובסקי, בהשתתפות י. קלויזנער.

א) במלון נזה באו כל המלים, שבאו בתנ"ך לכל נזראותיהן, אחת מהן לא נעדרה.

ב) משני התלמודים והמון המדרשים נכנסו לתוך המלון הזה כל המלים, שהוותן מוכיחה עליהן, כי עבריות הן ורק במקרה לא באו בתנ"ך, וגם רוב המלים הארמיות, הסוריות, היוניות והרומיות, שיש להן איזה ערך שמושי. כמו כן נכנסו בו כל המלים הסוריות, היוניות והרומיות, המשמשות בספרותנו החדשה, יהי איזה ערך שיהיה להם.

ג) מן הספרות המאוחרת נתקבלו לתוכו כל המלים הטובות והנחוצות. שבאו בספרי הגאונים וחכמי ספרד, בספרות המקובלים והרבנים המאוחרים, וגם בכל ספרותנו החדשה, כפי שהתפתחה במאה האחרונה.

ד) כל המלים המחודשות בעשרים השנים האחרונות נבחרו היותר מקובלות וכל אלה שמקורן העברי נכר בנקל.

ה) מן המלים הלועזיות, המקובלות בכל השפות האירופיות באו במלון הנוכחי כל המלים הנחוצות ביותר, והנן מתורגמות רוסית ואשכנזית ומבוארות גם עברית.

ו) כל הבטויים המיוחדים, יהיו מן המקרא או מן התלמוד והספרות המאוחרת, שיש להם ערך שמושי, מתורגמים בו רוסית ואשכנזית.

ז) כל מלה עברית, שהבנתה קשה מעט, היא לא רק מתורגמת עברית ואשכנזית, כי אם גם מבוארת במלים עבריות אחרות.

ח) על יד כל פעל מסומנת מלת החבור (או אות החבור), שהוא מתקשר אתה (כמו „האבק עם", אבד ל-, מ-). כמו כן על יד השמות, שאפשר לטעות בהם, רשומה ברתוקים גם צורת מספר הרבים שלהם.

ט) המלים התלמודיות, המחודשות והלועזיות, נבדלות מן המלים המקראות ע"י סימנים שונים.

י) כל המלים שבאו במלון הזה סודרו לא ע"פ שרשיה, כנהוג במלונים העברים האחרים, כי אם ע"פ צורתן בשמוש הלשון, בכדי להקל על המשתמשים בו.

וזאת לדעת, כי אף אם אין במלון הזה כל חקירות פילולוגיות, הנה מיוסד פירוש כל מלה ומלה שבו על חקירותיהן היותר מדויקות והיותר חדשות של טובי הפילולוגים החדשים.

המלון נדפס בפורמט קטן, הפורמט הנהוג במלונים-של-כיס בכל הלשונות, ובאותיות פטיט בהירות, למען יהיה המועט מחזיק את המרובה ויהי דבר השוה לכל נפש. גם נדפס על ניר משובח ובתכלית ההדור.

**מחירו 2.35 רובל, עם המשלוח 2.50 רובל, מכ' 2.75 רובל.**

Издат. „Тушія" Варшава. | Verlag »Tuschija« Warschau.

## 1000 ביז 2000 רובל זייטיגע הכנסה יעדעס יאהר

קען האבען יעדער, וועלכער פאר 300 ביז 600 רובל (מען קען אויס-צאהלען אין ראטעס) שאפט זיך איין פון אונז א מאשינע מיט א בע-שרייבונג, וועלכע לערנט אויס ווי איינצואורדענען א זאוואד אליין אהן שום הילף פון איין אנדערן און אהן שום לערנען פאר דעם, ווי צו מא-כען אלערליי סארטען געטרענקע פון פרוכט, יאגדעס, סעלטערס און אנדערע מינעראל-וואסער, פערשיעדענע קוואסען, פראנצויזישע געטרענ-קע און וויין: סידר, שאמפאניער, אריענזשען א. ד. ג. — דעם חשבון וואס דאס דארף קאסטען און פאלשטענדיגען פראקטישען פרייז קוראנט מיט אילוסטראציעס שיקט ארויס פאר צעהן זיבענקאפעקעדיגע

פאסט-מארקען די פאבריק פון מאשינען: (337) 6—4

Фабрпка машинъ И П П О и Ко. въ Варшавѣ,
Грибная ул, собств. домъ № 15н.

НОВАЯ КНИГА

„СОВРЕМЕННАЯ ПАЛЕСТИНА"

въ физико-этнографическомъ и политическомъ отношеніяхъ

составилъ И. Белкиндъ.

Книга эта иллюстрирована, содержитъ 19 печатныхъ листовъ на веленевой бумагѣ и имѣетъ 11 географическ. картъ.

Цѣна книги 1 р. 40 к. въ изящн переплетѣ 1 р. 90 к

ПРОДАВЦАМЪ ОБЫЧНАЯ СКИДКА.

СКЛАДЪ ИЗДАНІЯ

при Типографіи и Фабрикѣ Писчебумажн. Издѣлій

Торговаго Дома

Г. М. ЛЕВИНСОНЪ, ВЪ ОДЕССѢ.

Желающимъ ознакомиться съ содержаніемъ этой книги безплатно высылается краткое описаніе ея.

גדל התניך כגדל המודעה הזאת,

## הראיתם

## את התנ"ך הנפלא

המכונה

## טאשען-תנ"ך

הוצאת מ. שולין?

ההדפסה היפה, הכריכה המהודרה, הפורמט הנפלא והמחיר המצער עושים את התנ"ך הנפלא הזה לספר הכרחי ושוה לכל נפש.

על התערוכה של מלאכת-מחשבת (קונסטאיסשטעללונג) בפילדלפיה זכתה ההוצאה הזאת לפרס היותר גדול.

מחירו: מכורך בד יפה 75 ק'. מכורך יפה עם גאלדשניטט 1.25 ר'. מכורך עור מהודר 1.75 ר'. פאר' 15 ק', בנ"נ 25 ק'.

כמו כן נמצא להמכר

התנ"ך מעדאליאן

במחיר רובל אחד לשולחים כסף מראש או בנ"נ בעד 1.17 רובל.

המכירה נמסרה רק להוצאת „תושיה" בורשה:

לא תחסר בהתנ"ך הזה.

# צו אונזערע געעהרטע אבאנענטען.

מיר דערמאנען די געעהרטע אבאנענטען, אז מיט

## דעם נומער 39

האט זיך געענדיגט דער אבאנאמענט פון די וואס האבען אויסגעשריבען די פאלקס-צייטונג נאר אויף דריי פיערטעל יאהר און בעטען אין דער צייט אריינשיקען דעם אבאנאמענטס-פרייז אויף דעם לעצטען פיערטעל יאהר 1 רובל.

אויך דערמאנען מיר די יעהרליכע אבאנענטען, וואס האבען אויסגעשריבען די צייטונג צוזאמען מיט דער פרעמיע, 4 בענדער פון אלע שלום עליכם'ס ווערק אויף ראטען, דארפען איצטער צושיקען

## די לעצטע ראטע 1 רובל.

די ניט יעהרליכע אבאנענטען בעצאהלען פאר דער פרעמיע „4 בענדער פון שלום עליכם'ס ווערק“ 2 רובל, אדער 50 קאפ' פאר יעדען באנד מיט פארטא.

אינהאלט פון ערשטען באנד:

I. דער ערשטער ארויספאהר. איין אמת'ע מעשה ווי אזוי צוויי יונגע פייגעלעך, וואס האבען ניט אנגעקוקט רעכט די ליכטיגע שיין, פליהען ארויס דאס ערשטע מאל אויף גאטס וועלט.

II. דאס מעסער'ל. א טרויריגע געשיכטע פון די קינדער-יאהרען.

III. טביה דער מילכיגער. דריי ספורי מעשיות.

1) דאס גרויסע געווינס.

2) א בוידעם.

3) היינטיגע קינדער.

IV אויפ'ן פידעל. א מעשה.

אינהאלט פון צווייטען באנד:

מעשות פאר יודישע קינדער:

I. חנוכה געלד,

II. אחשורוש,

III. פארשטערטער פסח,

IV. ל"ג בעומר,

V. די פאהן,

VI. ראבטשיק,

VII. מתושלח,

VIII. דער זייגער,

IX. סענדער בלאנק (ערצעהלונג).

### דער דריטער באנד וועט אין גיכסטען צעשיקט ווערען.

מיר בעטען די יעהרליכע און ניט יעהרליכע אבאנענטען אריינצושיקען דעם וויטערדיגען אבאנעמענטס-פרייז ניט שפעטער פון 1-טען אקטאבער, כדי מיר זאלען זיי קענען פינקטליך שיקען די וויטערדיגע נומערען.

## די אדמיניסטראציע.

**אנמערקונג:** 1) מיר בעטען די אבאנענטען, אז ביים אריינשיקען דאס געלד זאלען זיי מודיע זיין יעדער זיין נומר פון באנדעראל. 2) די „פרעמיע“ אהן דער צייטונג פערקויפט זיך ניט


# !!!הודעה לחובבי ספרים!!!

בבית מסחר הספרים הנודע של

## ה' מאיר היילפערין והתנו ה' מיכל ראבינאוויץ במינסק

אשר הוא מלא תמיד המון ספרים רבים חדשים גם ישנים יקרי המציאות בכל מקצעות ספרות ישראל: פוסקים, שו"ת, מפרשים, קבלה, מוסר, חקירה, דרוש, באורים, דקדוק, מליצה ושיר וכל ספרי למוד, נוספו עתה אלה הספרים, שקמו לו למקנה ושממכרם הראשי אצלו:

**אשתדלות** עם שד"ל, לר' יעקב בכרך, ב' חלקים, מחירו 1.50 רובל; **מהעבור ומנין השנים**, מהנ"ל — 1 רובל; **איוב עם באור מישר נבוכים** לר"ד שטראשין — 1 רובל; **איוב עם באור הד"ר סאלד מבאלטימארי** (ספר הראוי לעלות על שלחן מלכים מפאת טובו ויפיו והדר כריכתו — 3 רובל; **הגרן** ס' שלישי, מאסף נכבד בחכמת ישראל מגדולי חכמי זמננו, יו"ל ע"י הרה"ח רש"א הארארעצקי; החלק הזה גדול בכמותו — 1.15 רובל; **דור רבניו וסופריו**, ס' ב' וג', מחיר כל חלק—50 ק' ויחד עם חלק הראשון שכבר אזל — 1.50 רובל; **מנחה חדשה**, דרושים ופלפולים כסדר הפרשיות להרה"ג ר"נ חן-טוב — 50 קאפ'; **מורה להועיל** ס' למוד ש"ע בהעתקה רוסית לר"מ בענצמאן 75 קאפ.; **הקשב**, ס' מרעי לה' גליקמאן ז"ל — 25 קאפ.; **דברי חיים**, חידושי גפ"ת וטיומי מס' — 40 ק' **חמדה גנוזה**, מאסף יקר הו"ל רצ"ה עדעלמאן ובו מכתב הידוע מהרמב"ם זצ"ל — 1.25 רובל; **תוספתא**, הוצ' צוקערמאנדל עפ"י כ"י, ששה חלקים — 3 רובל; **מעשה אפוד**, ס' דקדוק מפואר, לחרב הקדמון הנודע ר' פריפוט דוראן — 1 רובל.

בית מסחר הנ"ל קונה ביבליאטיקאות שלמות, ומחליף ומקבל בקאמיסיאן ספרים הדשים, כן גם יקבל התומים ומודעות לכל מכה"ע והמאספים:

Книжный магазинъ Меера Гальцерна г. г. Минскъ.



# קרית-ספר

### א מאנאטליכער ביבליאגראפישער זשורנאל פיר העברייאיש, זשארגאן און יודאיקא, רוסיש און פאלניש.

פרייז יעהרליך 1.50 רובל; ½ יעהרליך 85 קאפ.; ¼ יעהרליך 40 קאפ.
ביז הייטע ערשיענען 3 העפטען.
פראספעקטען נאך פערלאנג אומזאנסט

(253) אדרעסע פון הערויסגעבער: 3—3

Книж. магазинъ Б. Шейнфинкеля Варшава, Золотая 63.
Buchhandlung B Scheinfinkel, Warschau, Zlota 63.



דיא ערשטע און איינציגע

## מעכאנישע פאבריק צו רעפארירען שוה-ווערק.

**А. Гринштейнъ, Варшава, Новолипки № 58.**

נעמט אן צו רעפארירען אלערליי שוה-ווערק, עס מאכט קיין אונטערשיעד נישט פון וואס פאר א גאטונג לעדער עס איז. דיא לאטעס ווערדען געקלעפט מעכאניש, גאר אהן געהטע און די רעפארירטע שוהע קומען ארוים ווי פון דער ניי, נישט צו דערקענען אויף זיי דעם מינדעסטען צייכען פון רעפארירען.

פראווינציער, וואס ווילען זיך עפענען אזא פאבריקעל, קען איך מיט זיי איינגעהן לויט בעשטימטע בעדינגונגען, ווי איך וועל ענטפערן יעדען, וואס וועט אריינשיקען א פאסט-מארקע פאר 7 קאפ.

דיא פאבריק איז יעצט איבערגעגאנגען אין מיין אייגענטהום און ווער עס וויל דארף זיך ווענדען נאר צו מיר

А. Гринштейну, Варшава, Новолипки № 58.

פיליאלען: I פראנציסקאנסקא 35 אין טויער. II טווארדא 22 וואהנונג 42 אין צווייטען הויף.

229 25—15

רעפאראציאן ווערט פערפערטיגט ווארטענדיג.

Nr. 42. Jüdische Volks-Zeitung צווייטער יאהרגאנג.

# יודישע פאלקס־צייטונג

א וואכענבלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

אבאנאמענטס־פרייז:
עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל־יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען; 11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק. האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק 6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהרליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30 שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העלער.

אבאנאמענטס־פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל
פיערטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב־יעהרליך 3 רובל, פיערטעל־יעהרליך 1.50 רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר' אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען 2 רובל, דעם 1־טען אפריל 1 רובל, 1־טען יולי 1 רובל און דעם 1־טען אקטאבער די לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ. 30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 30 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

די אדרעסע פאר עסטרייך־אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung"
Krakau, Sebastyangasse 32.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія" Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ":
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

כ"ד תשרי תרס"ד. Nr. 42. 15 October 1903.

## וואס דארף זיין דער ציוניזם?

אט די פראגע דארף זיין איצט ביי אונז גאר די וויכטיגסטע, אויף וועלכער מיר דארפען געבען א דייטליכען און קלארען ענטפער און ניט ארייןפאלען אין איינזייטיגקייט.

דער ציוניזם דארף זיין א פאלקס־בעוועגונג, וועלכע נעמט ארום דאס גאנצע פאלק, אלע קלאסען זיינע. די שטרעבונג זיינע דארף זיין דאס אויפלעבען פונ'ם יודישען פאלק, געבען איהם די מעגליכקייט לעבען און א קיום האבען. דעריבער דארף זיך דער ציוניזם פארנעמען מיט אלעם וואס קאן אויפלעבען אונזער פאלק. דעריבער דארף דער ציוניזם נאכזוכען אלע מיטלען, וועלכע קענען פארגרינגערען דאס שווערע לעבען זיינס, קענען איהם צוגעבען שטארקקייט און מוט, קענען אויפלעבען און ענטוויקלען אלע זיינע גייסטיגע אייגענשאפטען און שאפען נייע. דער ציוניזם האט ניט איין ארבייט פאר זיך, נאר א סך ארבייט. ער דארף זיך ניט פארשליסען אין די פיער איילען פון איין אינטערעס, ווי הייליג און טייער ער וואלט ניט זיין, נאר ער דארף זיך פארנעמען מיט אלע אינטערעסען פונ'ם יודישען פאלק. אלעס וואס ס'קאן אויפלעבען דאס יודישע פאלק, אלעס וואס ס'קאן אויפוועקען ביי איהם די פארשלאפענע נאציאנאל־געפיהלען, — דאס אלעס דארף אריינגעהן אין דער פראגראמע פון אונזער ארבייט. דער ציוניזם דארף ארומנעמען אלע ווינקעלעך פון דער יודישער וועלט און דארף זיך עוסק זיין מיט יעדער זאך, וועלכע קאן אביסל פארבעסערען אונזער שווערע לאגע און קאן אונז דערהייבען גייסטיג. דער ציוניזם דארף מלחמה האלטען, אז דאס יודישע פאלק זאל קענען א קיום האבען און דארף זיך בעניצען מיט אלע מיטלען, וועלכע פיהרען דערצו.

דאס וויכטיגסטע ארט אינ'ם ציוניזם דארף פארנעמען שטרעבונג צו קריגען א היים פאר א טייל פון דעם יודישען פאלק, וואו ער זאל קענען לעבען א פריי פאליטיש און נאציאנאל לעבען און ענטוויקלען זיך נאך דעם גייסט פון זיין קולטורא.

נאר דענסטמאל ווען די גאנצע ארבייט אונזערע פאר'ן פאלק וועט געהן צוזאמען אט מיט דעם פאלקס־אידעאל — נאר דענסטמאל קאן זי ברענגען נוצען, נאר דענסטמאל קאן זי האבען א קיום.

דעריבער דארף די שטרעבונג צו קריגען א פארזיכערט ארט פאר יודען זיין דער הויפט־פונקט אינ'ם ציוניזם.

און די שטרעבונג דארפען מיר אוועקשטעלען אויף אזא אופן, אז זי זאל זיין לייכט ערפילט צו ווערען. מיר דארפען ניט מאכען די אויפלעבונג פון אונזער פאלק אבהענגיג פונ'ם אויפלעבען פון אונזער לאנד.

אזא אומגליקליך, פארמוטשעט און דערשלאגען פאלק ווי מיר יודען טארען זיך ניט איבערגעבען צו פיעל צום געפיהל און טראדיציאן, ווי הייליג און טייער זיי וואלטען איהם ניט זיין.

א פאלק וואס טרענקט זיך אין איהם פון צרות; א פאלק וואס ווערד שטענדיג ארומגעיאגט און ארומגעטריבען; א פאלק, וואס טייכען בלוט זיינע רינען אין אלע גאסען, א פאלק, וואס אין דער גאנצער ברייטער און שיינער וועלט געפינט זיך פאר א'הם קיין קליין שטיקל ארט ניט, וואו דעם קאפ אנצושפארען, אזא פאלק דארף זיך ניט פארבונדען די הענט מיט די פיס אין דער ארבייט זיינער צום אויפלעבען. ביי אזא פאלק דארף זיין דער עיקר צו קריגען איין ארט, וואו ער זאל קענען לעבען א פריי נאציאנאליש לעבען, א זעלבסט־שטענדיג פאלקס־לעבען. אזא פאלק דארף זיך פארגרינגערען די מעגליכקייט צום אויפלעבען און ניט זיך אליין בינדען, לעגען שטיינער אויף דעם וועג. ביי אזא פאלק דארף זיין דער עיקר דאס פארזיכערט ארט. אויב ס'קאן זיין אין זיין אמאליגען לאנד — איז א ודאי גוט, נאר אויב דאס קאן ניט זיין דארף ער זיך ניט איינעקשנ'ען און שרייען: אדער ארץ־ישראל אדער אייביגער גלות. מיר דארפען פארשטעהן, אז סוף כל סוף, איז אונזער לאגע אזוי שווער און ביטער ניט דערפאר,

וואס מיר האבען ניט ארץ ישראל, „נאר דערפאר וואס מיר האבען בכלל ניט קיין לאנד".

אט פאר דעם אלעם דארף זיין די שטרעבונג צו קריגען א פאר־זיכערט ארט פאר די יודען דער הויפט-פונקט אינ'ם ציוניזם.

נאר אויך זעהר א וויכטיג ארט דארף פארנעמען די ארבייט אונזערע אין פאלעסטינא.

איצט ווען מ'האט אונז מודיע געוועזען אויף דעם קאנגרעס, אז עס זענען איבערגעהאקט געווארען די האנדלונגען צווישען סולטאן אונ הערצלען וועגען דעם טשארטער; איצט ווען מיר ווייסען, אז עס קאן אוועקגעהן א גאנצער דור אדער אפילו דורות ביז מיר וועלען קריגען דעם טשארטער, איצט דארפען מיר עוסק זיין מיט דעם ישוב אין ארץ־ישראל ניט בעקומענדיג דעם טשארטער. מיר דארפען זיך סטארען מיט אלע קרעפטען אונזערע, צו פארגרעסערען די צאהל פון די איינוואהנער אין ארץ־ישראל; מיר דארפען זעהן גרינדען דארט וואס מעהר קאלאניעס, קולטיווירען די דארטיגע יודען אונ ערציהען דעם נייעם דור אינ'ם יודישען נאציאנאלען גייסט. פיעל כחות אונ מיה דארפען מיר אוועקלעגען, כדי רייך צו מאכען אונזער מאטעריאלען אונ גייסטליכען אייגענטום אין פאלעסטינא. חיבת ציון דארף פאר־ברייטערען די פראגראמע איהרע אונ דארף צוציהען צו זיך די הערצער פונ'ם גאנצען יודישען פאלק.

מיר דארפען איצט אנהויבען שטארק ארבייטען אין פאלעסטינא, אין וועלכען אומשטאנד ס'איז מעגליך.

אונ אין דער ארבייט דארפען א טייל נעמען אלע ציוניסטען.

אונ נאך א גרעסערען טייל אין דער ארבייט דארפען נעמען די ציוניסטען, וועלכע זענען פאר אפריקא. דערמיט וועלען זיי בעווייזען, אז זיי האבען ניט ווייניגער ליב ארץ־ישראל ווי די וואס זענען קעגען אפריקא. דענסטמאל וועלען מיר זיי קאנען גלויבען, אז קיין שום לאנד וועט זיי ניט פארבייטען ארץ־ישראל אונ ווי זיי וועלען ניט זיין וועלען זיי בענקען נאך פאלעסטינא. דענסטמאל וועלען מיר קאנען זיין זיכער, אז אוגאנדא וועט ביי אונז זיין א נאכט־ארט, וואו מיר וועלען קיינמאל ניט אויפהערען האפען צו אומקעהרען זיך קיין ארץ־ישראל.

יא, אלע ציוניסטען אזוי ווי די וואס זענען געגען אוגאנדא, אזוי אויך די וואס זענען פאר אוגאנדא, דארפען איצט אנהויבען אר־בייטען צו קאלאניזירען פאלעסטינא אונ צו מאכען דארט א גרויסען קולטורעלען ישוב פון יודען.

נאר מיר דארפען ניט קוקען אויף דער ארבייט אונזערער אין פאלעסטינא ווי אויף עטוואס, אין וועלכען ס'איז בעלאנגט די גאנצע יודישע ישועה. מיר דארפען קוקען אויף איהר נאר ווי אויף איין טייל — אמת זעהר א גרויסער אונ א וויכטיגער — פון אלע אונזערע פיעלע ארטען ארבייט, וואס אין אונזער פיעל־זייטיגער ארבייט, וועלכע מיר דארפען טון.

די פארברייטערונג פונ'ם ישוב אין ארץ־ישראל דארף א ודאי זיין א טייער אונ א הייליגער אידיאל ביים גאנצען יודישען פאלק. מיר בעדארפען זיך פארנעמען צו קאלאניזירען פאלעסטינא אונ מאכען דארט א גרויסען ישוב פון יודען, וויפיעל געלד אונ מיה ס'זאל אונז ניט קאסטען; וואס אין איין אנדער ארט וואלטען מיר זיך דערמיט ניט פארנעמען, ווען ס'זאל אונז קאסטען אזוי פיעל טרחה אונ מיה.

נאר דאס אלעם בעדארפען מיר טון נאר דערפאר, וואס מיר פארנעמען זיך מיט גרינדען א ישוב אין אונזער היסטאריש לאנד; נאר דערפאר וואס מיר וועלען האבען א גרעסערען ישוב ביי אונז אין לאנד. וואס מיר וועלען האבען דארט א יודישע קולטורע, מעהר ענטוויקעלט, מעהר רייך, וועט דאס אלעס האבען א גוטע ווירקונג אויף אונז אונ וועט זיין איינער פון די גאר גרעסטע אונ וויכטיגסטע פאקטארען, אז דאס

# פעליעטאָן.

## פון אלע עקען וועלט.

א זעלטענע מדינה. — א גן עדן אויף דער וועלט. — פון גן עדן ווערד א גהנום. — איין ארט פאר אלע. — דער קעניג פון אוגאנדא.

אין דער צייט ווען מען רעדט, אז אויף דער וועלט זאל צו קומען א נייע מדינה — א יודישע אין מזרח־אפריקא, רעדט מען אויך שטארק, אז אין אייראפא זאל ווינציגער ווערען איין מדינה.

וועגען דער זעלטענער מדינה, וועלכע האלט איצטער אין גוס'ען אונ ציילט איהרע לעצטע מינוטען, הערען אפשר אונזערע לעזער דאס ערשטע מאל, חאטש די מדינה פיהרט זיך א בעזונדער לעבען שוין באלד הונדערט יאהר אונ דעריבער טאקי וויל איך מיט איהר בעקענען אונזערע לעזער, זאלען זיי פון דער זעלטענער מדינה אויך וויסען.

די גאנצע מדינה פארנעמט א פלאץ פון 500 דעסיאטין ערד אונ איהרע איינוואהנער זענען אין אנהויב, ד. ה. אונ יאהר 1816 געוועזען 450 נפשות. די מדינה מיט דעם נאמען אלטענבערג (א טייל פון דעם נעגענד אכעל) געפינט זיך צווישען די גרענעצען פון בעלגיע אונ דייטשלאנד. די בעלגיער רופען די מדינה א „קליינגעגרינגען נאמען „רעפובליקע דע-מארעסנעט" אונ די דייטשען רופען עס: „רעפובליק אלטענבערג".

די געשיכטע, ווי אזוי דאס קליינע שטיקל פלאץ אלטענבערג מיט איהרע 450 איינוואהנער איז געווארען א בעזונדערע מדינה, הויבט זיך אן פון יאהר 1816. אין דעם יאהר איז צווישען פרייסען אונ נידער־לאנד אונטער געשריבען געווארען א טראקטאט וועגען זייערע גרענעצען, נאר איבער דעם שטיקל פלאץ אלטענבערג האבען זיי צווישען זיך ניט געקאנט אויסקומען, ווייל די דייטשען האבען דערוויזען, אז אלטענבערג איז געוועזען אמאל זייער עלטער־עלטער ויידענס אונ דעריבער געהער אלטענבערג צו זיי אונ די נידערלענדער האבען מיט אותות ומופתים דערוויזען, אז אלטענבערג האט געהערט זייערע עלטער זיידענס אונ זיי האבען די אמתע חזקה דערויף. אונ כדי מען זאל ניט דארפען פיהרען קיין מלחמה איבער אזא קלייניגקייט, איז ביי זיי געבליבען ניט מיר ניט דיר. אונ לויט דעם טראקטאט פון 26־טען יוני 1816 אין אחען איז אלטענבערג געבליבען א בעזונדערע מדינה אין אויטאנאמיע אונטער די השגחה פון פרייסען אונ נידערלאנד.

אין 1831, ווען בעלגיע איז געווארען א זעלבשטענדיגע מלוכה איז צו איהר פון די נידערלענדער איבערגעגאנגען אלע רעכטע איבער דער אויטאנאמיע פון דעם קליינעם שטיקל לאנד אונ עד היום געהער די השגחה איבער דער דאזיגער אויטאנאמיע צו פרייסען אונ בעלגיע.

די רעגירונג, וואס פיהרט די ארדענונג אין דער מדינה, בע־

יודישע פאלק זאל זיך האלטען פעסט אלס נאציאן. נאר דערפאר, וואס דענסטמאל וועט די שטרעבונג אונזערע צו קריגען א פערזיכערט ארט אין פאלעסטינא גרינגער ווערען צו רעאליזירען זיך. נאר דערפאר, וואס פאלעסטינא איז אונזער היסטארישע לאנד, אונזערע עלטערענס לאנד, צו וועלכען ס'געפינט זיך ביי יעדען פון אונז אין הארצען ליבשאפט פון הונדערטער דורות. נאר דערפאר, וואס דאס דאזיגע לאנד, איז איינע פון אונזערע גאר וויכטיגסטע גייסטליכע אייגענשאפטען; און אזוי ווי מיר דארפען זיך סטארען אויפלעבען אלע אונזערע גייסטליכע אייגענשאפטען, אזוי דארפען מיר זיך סטארען אויפלעבען, אין וועלכען אופן ס'איז מעגליך, אונזער וויסט לאנד.

א גרויסער יודישער ישוב אין ארץ־ישראל וועט שטענדיג זיין א קוואל פון לעבען און טרייסט צום הארץ פונ'ם יודישען פאלק.

אט אזוי דארפען מיר קוקען אויף אונזער ארבייט אין פאלעסטינא, וועלכע דארף געוויס פערנעמען א גרויס ארט אין אונזערע ארבייט פאר'ן פאלק, נאר זי דארף אבער ניט זיין די גאנצע ארבייט.

מיר דארפען פארברייטערען די פראגראמע פון אונזער ארבייט. פיעל און אלערליי ארבייט האבען מיר אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, וועלכע קענען פארבעסערען די יודישע לאגע מאטעריאליש און גייסטליך.

און אט די אלע ארטען ארבייט דארף איצט דער ציוניזם אריין נעמען אין זיין ארבייטס־פראגראמע.

נאר דענסטמאל וועט דער ציוניזם ווערען איין אמת'ע פאלקס־בעוועגונג.

נאר דענסטמאל וועלען מיר ציוניסטען קענען זאגען, אז מיר האבען דאס גאנצע יודישע פאלק אונטער אונזערע פלייצעס.

ש. צ. זעצער.

## זאנגוויל'ס רעדע אין לאנדאן *)

אויף דער גרויסער אספה אין דער „גרייט אססעמבלי־האלל", וואס די לאנדאנער ציוניסטען האבען געמאכט, בעת די ענגלישע דעלעגאטען זענען צוריק געקומען פון דעם קאנגרעס.

אין דעם נאמען פון די דעלעגאטען, וואס זענען דא פארזאמעלט דאנק איך אייך פאר די פריינדליכע אויפנאהמע ביי אונזער צוריק קומען אהיים, און איך האב די עהרע אייך איבערצוגעבען מיינע פערזענליכע איינדריקע פון אלעס, וואס איז פארגעקומען אויפ'ן זעקסטען ציוניסטען־קאנגרעס און איין איבערזיכט אויף די איצטיגע לאגע. אבער אנשטאט אנצוהויבען פון אנהויב, וויל איך אנהויבען פון סוף. איהר האט געוויס געהערט, אז דער קאנגרעס איז געוועזען זעהר א לעבעדיגער און מזרח־אפריקא איז פלוצלינג אריינגעשפרונגען אין אונזער קארטע. איהר האט אויך געהערט געשרייען, אז מיר האבען אומגעביטען אונזער פראגראם. וואס איז אבער דער סוף פון דער גאנצער געשיכטע? וואס איז דער סך־הכל פון די איינדריקע. וואס איך האב מיטגענומען פון דעם דאזיגען גרויסען קאנגרעס?

שוין מעהר ווי אכטצעהן הונדערט יאהר, זייט די צייטען פון בר־כוכבא, איז ארץ ישראל ניט געשטאנען אזוי נאהנט צו אונז ווי היינט. ווייל דער וועג צו ארץ ישראל איז היינט ניט קיין מיליטערישער. מיר קאנען נאר קומען אהין דורך פאליטיק, און די יודישע פאליטיק איז באמת ערייכט אויף דעם זעקסטען קאנגרעס, פון וועלכען מיר קומען ערשט, בעשאפען געווארען. אמת דער באזעלער קאנגרעס האט שוין איינינע יאהר עקסיסטירט, אבער ער איז געוועזען ביז איצט ניט מעהר ווי א פארברייטונגס־פארלאמענט. גאר אונזער רעדען,

*) זאנגווילס רעדע, וואס מיר געבען דא, איז ספעציעל פאר אונזער צייטונג פון אונזער לאנדאנער קארעספאנדענט איבערזעצט פון דעם אריגינאל אין דער ענגלישער שפראכע.

די רעד.

---

שטעהט פון איין סטאראסטא, צוויי אוראדניקעס, איין אונטער־אפיצער, איין אלטער מענש, א קרומער אויף איין פוס און איין ריכטער (מיראוואי סודיא), וועלכער משפט לויט די דינים פון דעם „קאדעקס נאפאלעאן", וואס מע האט איינגעפיהרט פון אנהויב אן אין דעם לאנד. דער זעלבער ריכטער איז אויך דער נאטאריוס, דער סודעבנע פריסטאוו און דער אויפזעהר איבער דער טורמא.

קיין שום מס צאהלט מען ניט, אין מיליטער דארף מען ניט דיענען. אפילו פון שטעדטישע און טאמאזשנע אבצאהלונגען איז מען אויך פריי. און די איינוואהנער לעבען זיך אין פארגעניגען, אהן שווערקייטען, אהן זארגען, דאס לעבען קאסט זיי ניט און האבען עס אומזיסט... און דעם גן עדן האבען זיי אויף דער וועלט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס די צאהל פון די איינוואהנער האבען זיך ביז איצטער פארגרעסערט ביז 3000, וועלכע בעשטעהען פון פארשידענע „אויסלענדער", וועלכע זענען אין דעם לאנד זיך אנגעלאפען. דאס לאנד איז איצטער ניט צו דערקענען. אויף דעם ארט פון די פריהעריגע דרייסיג פיערציג איינגעהויקערטע ארימע שטובלעך, אין וועלכע עס האבען געוואהנט די ערשטע בעלי־הבתים פון דעם לאנד, ארימע ארבייטער פון די נאהנטע בערג־גרובען, איז איצטער אויסגעבויט זעלטען שיינע הייזלעך מיט געפוצטע גערטנער. דא פארברענגען גוט די צייט א סך אנפאהרער פון אנדערע לענדער, וועלכע ווילען זיך אומקעהרען אביסל נאהנטער צו דער נאטור און פיהרען א פריי לעבען. דא זינגט מען און מען שפיעלט און מען טאנצט מעהר ווי אין אלע לענדער.

אזוי זענען געפלויגען יאהרען און אלטענבערג האט זיך געלעבט רוהיג און רייכער געווארען און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דער דאזיגער גן עדן אויף דער וועלט וועט זיך פאר די דארטיגע איינוואהנער קיין מאל ניט אויסלאזען. דארף זיך אבער מאכען א מעשה, אז אין בעלגיע האבען זיך די לעצטע יאהרען שטארק פארשפרייט די „שפיעל־הייזער", וואס זענען געמאכט געווארען נאר דערויף אריינצונארען אהין רייכע מענשען און ביי די גרינע טישען צונעמען ביי זיי דאס לעצטע. די בעלגישע רעגירונג האט געפונען פאר נייטיג צו פארבאטען אין גאנצען לאנד די דאזיגע שיינע הייזער. לאנג האבען זיך די שארלאטאנעס פון די הייזער ארומגעדרעהט איבער דער וועלט, זוכען ערגעץ איין ארט ווי צוזאמענצוקומען זיך, און האבען זיך אבגעשטעלט אויף דער רעפובליק אלטענבערג. זיי האבען דארט אויסגעבויעט א שפיעל־הויז, און די גאנצע וועלט שולירעס מיט שארלאטאנעס קומען זיך צוזאמען אין דעם הויז. די בעלגישע רעגירונג האט פארלאנגט פון דער רעפובליק, מען זאל פארמאכען דאס שעדליכע הויז, אבער מען האט ניט געפאלגט. דענסטמאל האט בעלגיע געשיקט איהרע זשאנדארמען, מען זאל צעטרייבען די אלע וואס קומען אהער שפיעלען און מען איז זיך צעלאפען. אבער ווי באלד נאר די זשאנדארמען זענען אוועק צו זיך אין לאנד, זענען די חברה צוריק אין הויז זיך אנגעלאפען.

אט אזוי האט זיך געיאגט די בעלגישע רעגירונג נאך די שו־

אונזער שרייען האט געדיענט נאר די ארימע צונויפצוקלויבען. אונזערע ציוניסטישע ליעדער זענען נאר ווי דאס אויפשפיעלען פון מארסאלעזא, כדי אויפצומונטערען דעם עולם צום מארש. איצט אבער זענען מיר שוין אויפ'ן וועג קיין ציון. מיר האבען אויפגעוואכט פון די חלומות, מיר האבען אנגעהויבען אבצוראמען די שטיינער פון אונזער וועג, אום דורכדעס צו בעוועגען זיך ווייטער. מיר זענען איבערגעגאנגען פון לופט־מענשען צו פראקטישע פאליטיקער. צי מיר וועלען קריגען א לאנד אין אסט־אפריקא אדער נישט איז נאר א קלייניגקייט אין פארגלייך מיט דעם פאקט, אז אונזער בעוועגונג איז איצטער געווארען אפיציעל אנערקענט פון צוויי גרעסטע וועלט־מעכטע: ענגלאנד און רוסלאנד, און אז מיר האבען אויפגעהויבען דעם מצב פון אונזער פאלק צו א הויכע מדרגה, פון וועלכע ער דארף קיינמאל ניט אראבגעהן. א סך פון דער פערזאמלונג זענען געווים געגען דעם אסט־אפריקא פראיעקט. ווען זיי דערמאנען זיך אבער, וואס די יודישע געשיכטע איז געוועזען זייט דעם חורבן פון אונזער מלוכה; ווען זיי דערמאנען זיך אן דעם פארדריקטען לעבען פון די גהעטא'ס, וואס — ווי שיילאק האט זיך אויסגעדריקט — „צרות איז געוועזען די מארקע פון אונזער גאנצען שטאם", די פארפאלגונגען דורך פייער און שווערד, די געלע שאנד־פלעקען, וועלכע מיר האבען געמוזט טראגען, די קאטאוועסען, וואס מען פלעגט מיט אונז אבטון ביי קריסטליכע קארנעוואלען; ווען זיי דערמאנען זיך אן די קהלות, וואס זייערע פרנסים און פיהרער האבען יעהרליך געמוזט געהן אין די קריסטליכע ראטהייזער, צו צונעמען א קלאפ איבער'ן אויער; ווען זיי געדענקען, ווי אזוי די ענגלישע יודען אליין זענען פארעכענט געווען אלס לייב־קנעכט פון קעניג; ווען זיי בעקלערען זיך נאר, אז מיט הונדערט יאהר צוריק האבען מיר גאר אין ענגלאנד ניט געטארט וואהנען און מיט וועלכער מיהע מיר האבען בעקומען די ערלויבניש אריינצוחאפען זיך צוריק און ווי מיר האבען געמוזט קעמפפען פאר אונזערע רעכטען איינע נאך די אנדערע, — און ווען זיי בעטראכטען דערנאך דעם פארשלאג, וואס מען האט אונז געמאכט: אויסצוקלויבען א שטיק פון דעם שענסטען און טייערסטען לאנד ווי אסט־אפריקא און בילדען דארטען איין ענגלישע קאלאניע, מיט יודישע היימישע רעגירונג, מיט יודישע נאציאנאלע מנהגים — מוזען דענסטמאל אפילו די ביטערסטע געגנער פון דעם נייעם פראיעקט מודה זיין, אז נאר די ערייכונג פון אזא פארשלאג איז א גוואלדיגער נצחון פאר אונזער ארגאניזאציע. און מעהר נאך אלס א נצחון פאר דעם ציוניזם — איז דאס א מאראלישער נצחון פאר ענגלאנד, א נצחון פאר די גאנצע מענשהייט. און ניט נאר מיר יודען אליין, נאר אלע איידלע מענשען פון אלע לענדער, וועלכע קעמפפען צום אויפהויבען די מענשען צו העכערע צוועקען — מוזען דאנקען די גרויסע נאציאן וואס האט געשיקט דעם דאזיגען ליכט־שטראהל אין די פינסטערניש פון אונזער צייט.

איז דאס א וואונדער, אז אפילו די געגנער פון די מיטגלידער פון דעם אקציאנס־קאמיטע האבען געמאכט „שהחיינו" בשעת זיי האבען געהערט לעזענדיג דעם בריף פון דעם מיניסטעריום דעם אייסערען? „Ex Africa semper alignid no-vi" („פון אפריקא קומט שטענדיג עפּיס נייעס") זאגט א לאטייניש שפריכווארט, און די פינסטערע געגענד (אפריקא) האט נאך איהרע איבעראשונגען. אפשר איז איהר באשערט צו ווערען די געגענד פון ליכט.

אבער ניט נאר אויף דעם אליין, וואס מיר זענען איצט געווארען א פאליטישע קערפערשאפט, וועלכע איז פעהיג צו אונטערהאנדלען מיט רעגירונגען וועגען קאלאניזאציע און וואס וועט דערפאר אויך קענען שפעטער אמאל אונטערהאנדלען וועגען ארץ־ישראל; ניט נאר דערויף אליין בעשטעהט מיין בעהויפטונג, אז מיר זענען געקומען נעהנטער צו פאלעסטינא. ניין! דער קאנגרעס האט פארגעבראכט איין אנדער היסטארישען דאקומענט, א בריף פון הערן פאן־פלעווע,

---

ליראס עטליכע וואכען. און ווי באלד זי האט געזעהן, אז מען קאן דא גאר ניט העלפען, האט זי זיך אפיציעל געווענדט צו דער פריישישער רעגירונג, אז עס זאל זיין אפשר א סברה, אז מען זאל אלטענבערג מאכען פאר אויס אויטאנאמיע. פרייסען האט באלד זעהר פריינדליך געענטפערט, אז עס געפעלט איהר שטארק דער פלאן, אז עס איז טאקי א גרויסער יושר ענדליך מאכען דארט אויס אויטאנאמיע, נאר מען זאל דאס לאנד איהר אין גאנצען אוועקגעבען און זי וועט שוין דארטען מאכען א גוטע ארדענונג.

בעלגיע טענה'ט אבער איהר אלטע טענה, אז דאס לאנד האט נאך געהערט איהרע עלטער זיידעס און דעריבער קאן זי עס פרייסען ניט אוועקגעבען און דערווייל ביז די דאזיגע פאליטישע איבערשרייבונגען צווישען די צוויי רעגירונגען וועלען קומען צו א ענדע, שפיעלט מען דערווייל טאג און נאכט אין דעם פארשאלטענעם הויז און טויזענטער מענשען ווערען פאראומגליקט, און דער דאזיגער גן־עדן איז געווארען א לאנד פאר דער גאנצער וועלט שארלאטאנעס. איין אמת'ער גיהינום.

נאטירליך קאן מען דאס אזוי לאנג ניט לאזען און סוף כל סוף וועט אלטענבערג מוזען ווערען אונטערווארפען אונטער איין אייראפייאישע רעגירונג. די צאהל פון די מדינות אין אייראפא וועט פארקלענערט ווערען מיט איינע.

———

אין דער שטאדט גיעסען (דייטשלאנד) האבען די דארטיגע איינוואהנער זיך מישב געוועזען, צו וואס טויגען עס, אז אויף דער וועלט זאל זיין אזוי פיעל רעליגיאנען, ווי קאטוילישע, פראטעסטאנטישע, מאחמאדאנישע, חינעזישע, יודישע א. ד. ג. אז אלע דיענען באמת נאר איין גאט אין הימעל. מילא, מען זאל וועלען איינפיהרען איין רעליגיע פאר אלע מענשען אויף דער וועלט, וואלט פריהער בעדארפט טייכען מענשען־בלוט פארגאסען ווערען, אבער פאר וואס זאל מען דאס ניט קענען אויספיהרען חאטש מיט די געשטארבענע מענשען, פאר וועלכע עס איז שוין אלעס גלייך און קיין מענשען־בלוט קענען זיי אויך ניט פארגיסען, צי וואס דארף מען אין שטאדט פאר זיי מאכען פארשידענע „טשערטאען", אז אויף דעם פלאץ מעג מען נאר מקבר זיין קאטוילען, אויף דעם — נאר פראטעסטאנטען און אויף דעם — נאר יודען, און ביי די פני העיר פון דער שטאדט גיעסען איז געבליבען, אז מען זאל איינפיהרען, אז חאטש נאך דעם טויט זאלען אלע מענשען זיין גלייך און דער דארטיגער שטאדט־מאגיסטראט האט שוין זייט א פאר יאהר איינגעפיהרט איין בית הקברות פאר אלע מענשען פון פארשידענע רעליגיאנען. דא האט מען מקבר געוועזען קאטוילען, פראטעסטאנטען און יודען. אויף דעם דאזיגען בית הקברות איז ניט קיין שום סמנים פון דער אדער יענע רעליגיע, ווי א צלם אדער א האלבע לבנה א. ד. ג.

אזוי איז אוועק א צייט גאנץ רוהיג, מענשען פון פארשידענע

וועלכער בעלייכטעט גענוי די רוסישע פאליטיק בנוגע צום ציוניזם. ווי מוז דער בריף חרב מאכען די מיינונגען פון די וואס זאגען, אז די יודענפראגע קאן נאר געלייזט ווערען אין רוסלאנד אליין. אונז, ציוניסטען, איז דאס שוין געוועזען פון לאנג קלאר. מיר האבען געוואוסט, אז רוסלאנד וויל ניט האבען איהרע יודען; מיר האבען געוואוסט, אז ווען א משה איז געקומען ארויסצופיהרען זיין פאלק פון קנעכטשאפט — האט פרעה זיי געוואלט לאזען געהן. האב איך אייך ניט ענדעקט אויף א ציוניסטישע אספה דעם געהיימען אבמאך פון רוסלאנד מיט דער יק"א, צו העלפען די יודען צו עמיגרירען? געדענקט איהר ניט דעם פארשלאג פון דעם סאוועט פון די מיניסטארען צו צאהלען 5.84 רובל פאר יעדען יודען וואס עמיגרירט? ווען פון דעם איז גאר נישט געווארען — איז ניט צוליב רוסלאנד, נאר ווייל יק"א האט ניט מסכים געוועזען. רוסלאנד וויל עס, והראיה זי ערקלערט אונז איצט, אז זי איז בעריט אנצוווענדען איהר דיפלאמאטישען איינפלוס, אז מיר זאלען קענען בעקומען ארץ-ישראל. עס איז אמת, אז ווען אלע יודען פון רוסלאנד וואלטען אריבער נאך פאלעסטינא — וואלט רוסלאנד געפיהלט דעם היזק און אפשר אויך חרטה געהאט. אבער אזעלכע מאסען־איבערזידלונג וועט קיינמאל ניט זיין. איך גלויב ניט, אז אפילו די ציוניסטען, וואס רעדען — שטעלען זיך פאר אזא גרויסע פארענדערונג: מאנטאג פריה פינף מיליאן יודען אין רוסלאנד און דיענסטאג מיטאג נאך פינף מיליאן יודען אין ארץ־ישראל.

די באזעלער פראגראם מישט זיך נישט אין קיין שום גלויבענס זאכען און נאר פון דער פאליטיק בעטראכטעט איז קלאר און איינפאך, אז זי מוז איינמאל אויסגעפיהרט ווערען. רוסלאנד האט א בעפעלקערונג וואס זי דארף ניט, פאלעסטינא, איהר שכנ'טע אויף יענער זייט פון שווארצען מעער איז אין א שלעכטען צושטאנד, ווייל עס פעהלט איהר פעהיגע מענשען. אונזער לייזונג איז אזוי איינפאך, און שטימט אזוי מיט דער איצטיגער רוסישער פאליטיק, און נוצליך פאר דער טערקיי, נוצליך פאר ענגלאנד און אמעריקא, ווייל זי איז מבטל זייערע עמיגראציאנ'ס פראגען מיט איין קלאפ. דאס אז דער קלארער איינפאכער פלאן זאל ניט אויסגעפיהרט ווערען — מוז דאס ווירקליך א משוגע'נע וועלט זיין. מיינע הערען! און איך בין זיכער, אז ווען אונזערע מענשען מיט קעפ און מיליאנען וואלטען זיך פאראייניגט און זייערע גאנצע קרעפטען און ווירקונג וואלטען זיי אנגעווענדעט אויף דעם פונקט — וואלטען מיר שוין זיכער געקאנט זאגען: לשנה הבאה בירושלים!

י. מ. זלקינד.

(פארטזעצונג קומט).

---

# אוגאנדא.

דער פרעזידענט פון אפריקא איבער די יודישע אויטאנאמיע. — דאס נייע לאנד און איהרע מעלות. — איין אינטערוויו. — ווער פון יודען ווען זיך אין נייעם לאנד בעזעצען. — אונזער האפענונג.

די לאנדאנער אילוסטרירטע צייטונג „בלעק ענד הוואיט“ ברענגט אין איהר נומער פון 12 סעפטעמבער איין ארטיקעל איבער די פראגע פון מזרח-אפריקא און זאגט דערביי, אז חאטש פון דעם לארד לענדסדאונס פאליטיק ווייזט אויס, אז ער איז פאר די יודישע אויטאנאמיע אין מזרח-אפריקא, מוז מען אבער אויך בעקלערען וועגען די אינטערעסען, וואס די ענגלישע בירגער האבען דארטען, און דאס בעשטעטיגט א בריף אויס מאמבאז, וואס דער דארטיגער פרעזידענט וו. ד. יונג האט געשריבען:

די ביסל ענגלענדער, שרייבט דער פרעזידענט, וואס האבען זיך אין מזרח-אפריקא בעזעצט און האבען זייער גאנץ פארמעגען דארטען אויסגעבראכט, וואונדערן זיך און האבען אויך עגמת נפש פון דעם, וואס דאס ענגלישע מיניסטעריום דעם אייסערען האט נאך דערווייל גאר נישט געטאן בעקאנט צו מאכען אין דער גאנצער וועלט, אז דאס

---

רעליגיאנען זענען געשטארבען און מען האט זיי מקבר געוועזען אויף דעם דארטיגען איינציגען בית הקברות. די מתים זענען קיינעם ניט געקומען צו חלום זיך בעקלאגען אויף דער נייער איינפיהרונג, א סימן אז זיי לעבען צווישען זיך בשלום.

נאר די לעבעדיגע פראטעסטאנטען האבען אזא שלום צווישען די טויטע לאנג ניט געקאנט צוזעהן און זייערע גייסטליכע האבען איינגעגעבען א ביטע אין מאגיסטראט, מען זאל זיי ערלויבען צו מאכען פאר די פראטעסטאנטען א בעזונדער בית הקברות. דער מאגיסטראט האט דערויף געענפערט, אז מען קאן זיי ערלויבען נאר דאן ווען מען וועט פרעגען די גייסטליכע פון אנדערע רעליגיאנען — קאטוילען און יודען. אויף דער פראגע פון מאגיסטראט איז אנגעקומען איין ענפער פון די קאטוילישע און יודישע גייסטליכע, אז מען קאן ניט ערלויבען קיין בעזונדער בית הקברות. דער מאגיסטראט האט די פראטעסטאנטישע גייסטליכע אבגעזאגט זייער ביטע.

די דארטיגע צייטונגען זענען שטארק אויפגערעגט אויף די פראטעסטאנטען, וואס ווילען זיך פריווען מאכען איין אונטערשיד צווישען מענשען פון פארשידענע רעליגיאנען און מאכען אויפמערקזאם, אז אזא זאך וואלט אפשר מעהר געפאסט פאר די קאטוילען, וועלכע בעשעפטיגען זיך תמיד צו מאכען חלוקים צווישען מענשען פון פארשידענע רעליגיאנען, אבער עס פאסט כלל ניט פאר די ציוויליזירטע און פרייע פראטעסטאנטען.

---

עס לאזט זיך אויס א מעשה, אז אין אוגאנדא, וואס ענגלאנד וויל אונז יודען אוועקגעבען, געפינט זיך עד היום איין אוגאנדישער קעניג, ער רעכענט זיך פאר דעם יונגסטען פון אלע מלכים פון דער וועלט, ער איז אין גאנצען אלט זיבען יאהר. אזוי ווי אוגאנדא געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון ענגלאנד, ערציהט זיך דער יונגער קעניג ביי ענגלישע לעהרער, וועלכע זיי לאזען איהם ניט ארויס פון זיין געבורט־שטאדט מענגא, די הויפטשטאדט פון אוגאנדא. ביז דער יונגער קעניג וועט אלט ווערען 18 יאהר פיהרט דאס לאנד זיין ערשטער מיניסטער, וועלכער איז שטארק איבערגעגעבען די ענגלישע רעגירונג.

פיעל אילוסטרירטע צייטונגען האבען געבראכט זיין בילד, ער זעהט אויס ווי איין עכטער שווארצער אפריקאנער, ער טראגט א פיערעקעדיגע יארמעלקעלע אויף דעם קאפ, געקליידט אין פויערשע קליידער און האלט אין דער האנט א לאנגען שטעקען, וואס איז לענגער פון איהם.

אט אזוי זעהט אויס דער יעצטיגער אראפגעווארפענער אוגאנדער קעניג.

א וועלט-מענש.

לאנד געהערט איצט צו ענגלאנד, אונ האט נאך קיין מיטעל געזוכט ווי צו קאלאניזירען דאס דאזיגע פרוכטבארע לאנד מיט איהרע אייגענע ענגלענדער. מיר האבען געמיינט, אז דאס וועט נאר זיין כל זמן די אונגאנדער באהן איז נאך נישט פארטיג.

נאר איצטער, איז שוין די באהן פון א געוויסע צייט פארטיג, אונ די רעגירונג האט טאקי עפיס געטאן פאר דעם נייעם לאנד, אבער גאר נישט דאס, וואס מיר האבען געמיינט.

די ידיעה, אז מען וויל דאס לאנד אוועקגעבען פרעמדע יודען האט אונז ווי א דונער געטראפען, דאס וועט ברענגען א גרויס אומגליק, אונ מען וועט גאר נישט גלויבען, אז דאס קאן אויסגעפיהרט ווערען; די אייגענע ענגלישע אונטערטאנען וועלען געגען דעם פראטעסטירען. די אייזענבאהן אין מזרח־אפריקא האט אבגעקאסט 6 מיליאנען פונט שטערלינג. וואס דער עולם ביי אונז אין ענגלאנד ווייסט אונ לייענט פון דעם דאזיגען לאנד אלץ בעסער איז עס. דאס איז א גרויסע עולה אונ עס קאן לענגער אזוי נישט בלייבען, עס מוז אנדערש ווערען אונ טאקי באלד. ווען מיר בעטראכטען דאס גאנצע לאנד פון דעם האפען (פארט) ביז צו וויקטאריע ניאנזא, דערוויסען מיר זיך, אז נאר 200 מייל פון איין זייט אונ דער ברעג פון גרויסען ים קאנען נישט טויגען פאר ענגלישע קאלאניסטען אונ ארבייטער. פון מאקינדא 207 מיילען אינעווייניג אין לאנד אונ איין ערך פון 400 מיילען ווייטער איז דאס לאנד וואונדער שיין, וואס לאזט זיך גאר נישט בעשרייבען. די ערד איז פרוכטבאר אונ דער קלימאט אויסגעצייכענט גוט. דא איז נישט איין ווארט מגזם געוועזען, עס איז באמת איין אידעאלעס לאנד, וואס די ענגלישע רעגירונג דארף עס פאר איהרע אייגענע קינדער בעהאלטען. פון אויסטראליע אונ דרום אפריקא זענען געקומען קאלאניסטען קיין מזרח־אפריקא צו בעזעהען דאס לאנד. די דאזיגע קאלאניסטען זענען ספעציאליסטען אין האדעווען בהמות. זיי האבען דאס גאנצע לאנד דורכגערייזט אונ האבען געזאגט, אז זיי האבען נאך אזא שיין אונ גוט לאנד אין ערגעץ נישט געזעהן, נאר מחמת די געזעצע פון לאנד האבען זיי זיך דארטען נישט געקאנט בעזעצען. ווען דער ענגלענדער לייענט אין דערהיים וועגען מזרח־אפריקא, שטעלט זיך איהם אודאי פאר, אז דארטען איז א זאמדיגער סטעפ, א ברענע־דיגע זון, מען זעהט מעהר ניט ווי לייבען אונ גיגערס אונ זעהר זעל־טען בעגעגענט מען א בוים. אבער באמת איז עס גאר אנדערש.

דאס ענגלישע מזרח־אפריקא איז איינע פון די שענסטע לענדער אין דער וועלט, זי האט א סך וואלד, פיעל וואסער, גאנצע מיילען פאשע, וואו עס האדעווען זיך אלערליי חיות. די היץ איז דארטען גאר נישט אזוי שטארק. מעהר נישט ביים ים איז עס יא שטארק היים. פון מעקענדי ביז נעראבי אונ פון מאעסקארמענט ביז אין לודיאן איז איין אמת'ער גן עדן. פאר אקערבוי איז דאס לאנד אויסגעצייכענט אין אלע פרטים. דא וואקסט פון אלץ אין דער וועלט. דא וואקסען די בעסטע קארטאפעל. אונ מען האט בדעה צו ארגאני־זירען א געזעלשאפט, וואס זאל די קארטאפעל אין דרום־אפריקא צו־שטעלען. נישט לאנג האבען די ענגלישע בוימוואל־פאבריקאנטען געשיקט איין עקספעדיציע צו בעזעהן די לענדער, וואס גיבען ארויס א סך בוימוואל; פאר וואס האבען זיי נישט געשיקט קיין עקספעדיציע קיין מזרח-אפריקא?

דא וואלטען זיי קענען בעקומען דעם פיינסטען בוימוואל, ווי־פיעל זיי ווילען נאר אליין. בשעת טשעמבערלען איז אין פאריגען דע־צעמבער ביי אונז געוועזען, האט ער געזאגט, אז אין תבואה אונ אין בוימוואל קאן זיך קיין לאנד פערגלייכען מיט מזרח־אפריקא.

עס איז קיין ספק נישט, אז אין מזרח-אפריקא געפינען זיך אויך א סך מינעראלען, אויך גאלד אונ אנדערע מעטאלען, נאר דאס איז נישט דער עיקר אין דעם דאזיגען לאנד.

דאס ענגלישע פאלק זאל וויסען, ווי עס איז בעשאפען דאס לאנד, וועלכעס מען וויל אוועקגעבען די יודען. עס זאל וויסען, אז דארטען געפינען זיך ענגלענדער, וואס דאס רוב פון זיי האבען אוועק־געווארפען זייער גאנצע האב אונ גוטס אין דער היים אונ זיך דא בעזעצט אונ דא זיך געמאכט אהיים אונ מען קאן זייערע האפנונגען אונ אינטערעסען נישט אוועקמאכען מיט דער האנט.

---

נאך איין ענגליש בלאט ברענגט א „אינטערוויו", וואס זיין קארעספאנדענט האט געהאט מיט ה׳ גרינבערג וועגען מזרח־אפריקא.

ה׳ גרינבערג דערצייהלט דעם קארעספאנדענט די דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונג, וואס ד״ר הערצל האט געהאט מיט דער טערקיי אונ עגיפטען אונ מיט וואס די אונטערהאנדלונג האט זיך אויסגעלאזט אונ זאגט:

בשעת טשעמבערלען האט דאס ערשטע מאל גערעדט וועגען מזרח־אפריקא, האט ד״ר הערצל נאך אונטערהאנדעלט מיט עגיפטען וועגען על־אריש. וועלכע איז איהם בעסער געפעלען. אבער ווען די אונטערהאנדלונג האט אויפגעהערט אונ טשעמבערלען האט מיר געזאגט, אז מזרח־אפריקא שטעהט נאך פריי אונ אז איך האב מיך איבערצייגט, אז נאך זיין מיינונג נאך, וועט די ענגלישע רעגירונג דארטען געבען יודען איין אויטאנאמיע, האב איך דעם ד״ר הערצל שטארק געבעטען, ער זאל דעם פראיעקט ניט אוועקמאכען.

אויף דער שאלה אויב דאס אננעמען דעם מזרח־אפריקא פראיעקט וועט נישט הייסען אבגעטרעטען פון דעם ציוניסטישען אידעאל, האט ה׳ גרינבערג געענטפערט: „דורכאויס נישט, איך בין א שטרענגער פאלעסטינעץ אונ ווייל איך גלויב, אז דער דאזיגער פראיעקט איז א שריט נעהנטער צו פאלעסטינא, האלט איך דערפאר, ווייל דערמיט וואס מיר נעמען אן דעם פארשלאג פון ענגלאנד פערליערען מיר דורכאויס נישט די האפנונג צו בעקומען פאלעסטינא. איך גלויב, אז אונזער ארבייט וועט דורכדעם נישט געשטערט ווערען, אדרבא, איך מיין, אז דאס וועט אונז געשווינדער ברענגען צו אונזער אידעאל".

„ווי אזוי?" — ווייל דער פרינציפ, פאר וואס מיר האבען געקעמפפט, אז די בעשיידונג פון דער יודישע פראגע ליגט נאר אין דער נאציאנאלער אידעע, וועט זיך בעווייזען אין די גרינדונג פון א יודישער אויטאנאמיע, ווען אפילו נישט אין פאלעסטינא. די יודען וועלען זיך אויסלערנען ווי צו פיהרען א הערשאפט. אונ די דאזיגע פראקטיק וועט אונז ברענגען גרויסע נוצען, ווען ׳עס וועט קומען די צייט צוריק נאך ציון צו געהן. אדער פשוט געזאגט, אז עס וועט קומען די צייט צו מאכען ווידער א יודישע מדינה אין פאלעסטינא. נישט דער געאגראפישער וועג נאך ציון איז דער נעהנסטער, עס איז אויך דא א פאליטישער וועג"...

בנוגע צו דעם לאנד גופא זאגט ה' גרינבערג: „דאס לאנד איז אזוי גוט פאר קאלאניזאציע, אז סיר העררי דזשאנסטאן האלט עס גאר פאר צו גוט פאר די יודען". ווייטער האט ה' גרינבערג גערעדט מיט התפעלות וועגען די פרוכטבארקייט פון לאנד און מיינט, אז טויזענטער רוסישע און רומענישע יודען וועלען רייזען קיין מזרח־אפריקא, זיי וועלען האבען איין אויטאנאמיע. ער פראטעסטירט זעהר געגען די מיינונג, אז מען וועט אין מזרח־אפריקא נעמען אלטע און שוואכע רוסישע און רומענישע יודען. ניין נישט אויף זיי, נאר אויף די יונגע און אויף די שטארקע רעכענען מיר. אונזער האפנונג איז געגרינדעט אויף די וואס האבען נאך האפנונגען...

אברהם.

# דער מסחר צווישען אדעס און איגאנדא.

עס ווייזט זיך ארויס, אז איינינע גרויסע אדעסער פירמעס האבען אין די לעצטע יאהרען, שטענדיג געפיהרט געשעפטען, נישט נאר מיט די הויפט־האנדעלס פארטען פון מזרח־אפריקא, נאר אויך מיט דעם הויפט־האנדעלספונקט פון דער פראווינץ אוגאנדא, מיט די האפען־שטאדט מאמבאז, וואס קאן זיין, אז אין א משך פון איינינע יאהר וועט עס ווערען די הויפט־פארט שטאדט פון דער יודישער הערשאפט. פון אדעסא, ווי די אדעסער צייטונגען שרייבען, שיקען די סוחרים אין די פראווינץ אוגאנדא און די שטאדט מאמבאז גאנצע פארטיעס געהילץ, מעהל, פערשידענע קאלאניאל און באקאליענע סחורות.

„פון אונזערע פארט האט מען דאס לעצטע יאהר דורך טריעסט דורכגעפיהרט קיין מאמבאזא מעהר אלס 500.000 פוד פערשידענע סחורות. די סחורה געהט אויף די שיפען פון דער עסטרייכישע געזעלשאפט „ללאיד" און אנדערע אויסלענדישע שיפען ביז טריעסט, אדער ביז דעם זאנזיבארער אינזעל: און פון דארט געהען די סחורות דורך קיין מאמבאז און אנדערע ענגלישע קאלאניעס פון דער פראווינץ אוגאנדא. ידיעות וועגען די שטענדיגע געשעפטס־פערבינדונג צווישען אדעסא מיט מאמבאז און אוגאנדא האבען מיר בעקומען פון דער אדעסער אגענטוריע ביי דער עסטרייכישער „ללאיד געזעלשאפט". ביז פאריגעס יאהר זענען אלע סחורות, וועלכע זענען געשיקט געווארען פון אדעסא אין די פארטען פון מזרח־אפריקא, געגאנגען איבער לאנדאן. די דירעקציע פון דער עסטרייכישער ללאיד איז געראטען צו בעקומען איין ערלויבניש ביי די הערשאפט פון די אפריקאנישע בעפעלקערונג, צו ארגאניזירען א מזרח־אפריקאנישע ליניע אויף צו געהן דארט מיט שיפען. די הערשאפט פון אפריקא האט ערלויבט די עסטרייכישע „ללאיד" צו צושטעלען עמיגראנטען פון איירעפא קיין אפריקא (דערונטער אויך דער פראווינץ אוגאנדא) נאר מיט דער ידיעה פון דער דארטיגער רעגירונג.

„די עסטרייכישע ללאיד נעמט אויף, לויט דעם דאזיגען אב־מאך, אויף זיינע שיפען, וואס געהען אויף דער אפריקאנער ליניע אין דריטען קלאס פאסאזשירען פון אדעסא און די פארטען פון איירעפא און טערקיי, וועלכע עמיגרירען אין די פארטען: מאמבאז, זאנזיבאר, ביירא, לארענצא־מארקעז און דורבאן מיט דעם תנאי, זיי זאלען אויך בע־צאהלען וואס עס קאסט דאס צוריקפאהרען פון אפריקא נאך איירעפא. דאס איז איינגעפיהרט פאר דעם פאל ווען די דארטיגע רעגירונג וויל נישט אריינלאזען די עמיגראנטען אין לאנד.

נאר נישט קוקענדיג אויף די אלע שוויריגקייטען ווערד די עמיגראציע פון איירעפא נאך אפריקא אלץ שטארקער און גרעסער מיט יעדען טאג. די שיפען פון דער ללאיד זענען פול מיט עמיגראנ־טען, וועלכע זוכען גליק און גאלד אין אפריקא.

„לויט די ידיעות, וואס די אדעסער צייטונגען האבען צונויפגע־נומען ביי די דארטיגע אגענטען פון די אויסלענדישע שיפען, איז די שטאדט מאמבאז אין די לעצטע צעהן יאהר שטארק פארגרעסערט געווארען.

„אין מאמבאז זענען שוין אויסגעבויט א סך גאסען מיט שיינע מויערן, אין וועלכע עס געפינען זיך פאטשטען, האנדעלס און באנק־הייזער. דאס רוב הייזער געהערען צו ענגלענדער. די לעצטע יאהר האט איין ענגלישע געזעלשאפט צוגעפיהרט צו מאמבאז א ליניע פון אייזענבאהן.

„די אדעסער אגענטען האבען אונז איבערגעגעבען ידיעות, אז פון מאמבאז און זאנזיבאר קומען אן דאס רוב קאלאניאל-סחורה, עלפענביין און מינעראלען.

רוסישע אפיצירען, וועלכע זענען דורך א צופאל אנגעקומען קיין אוגאנדא, דערצייהלען, אז די געגענד דארט איז זעהר א גוטע. עס וואקסען דארטען אלערליי געוועקסע פון די ווארימע געגענדען, זי האט א סך וועלדער און בוימער, אויף וועלכע עס וואקסען פער־שידענע פרוכטען, די טייכען האבען זעהר פיעל טייערע פישען. אוגאנדא — דערצייהלען די אפיצירען — איז דער רייכסטער געגענד און די פרוכטבארסטע ערד פון מזרח־אפריקא. אויף דעם גאנצען שטח פון אוגאנדא קאן מען בעזעצען אזא רעגירונג ווי דייטשלאנד.

# פאליטישע ענינים.

(טשעמבערלענס פראיעקט. דייטשלאנד פרייט זיך אומזיסט. קוהן-העדערוואר זאגט זיך צום צווייטען מאל אב פון זיין שטעלע. ענגלאנד און פראנקרייך מאכען פשרות טערקיי מיט בולגאריע פארגלייכען זיך.)

אין ענגלאנד איז אויסגעבראכען א מיניסטער־קריזיס. דער קאלאניען - מיניסטער טשעמבערלען, דער פינאנץ־מיניסטער ריטשיע און דער מיניסטער פאר אינדיע העמילטאן האבען געדאנקט. נאך די גרויסע נצחונות, וואס טשעמבערלען האט מיט זיין גרויסע וועלט־פאליטיק געוואונען, נאך די צוויי נייע לענדער אין אפריקא, וואס ענגלאנד האט איצט איינגענומען, סודאן מיט טראנס־וואל, האט טשעמבערלען געוואלט פעסטער פאראייניגען ענגלאנד מיט די קאלאניען. ביז היינט איז געווען אין ענגלאנד פרייהאנדעל, דאס הייסט, אלע סחורות. וואס מען האט אריינגעפיהרט אין ענגלאנד, זענען פטור געווען פון צאל, ווייל ענגלאנד מיט זיין גרויסע אינדוסטריע האט נישט קיין מורא פאר פרעמדע קאנקורענץ און ווידער האט ענג־לאנד געברויכט פרעמדע תבואות מיט אנדערע לעבענסמיטעל, וואס זענען אין ענגלאנד נישט גענוג פארהאן. איצט אז ענגלאנד האט שוין לעבענמיטעל פון איהרע אייגענע קאלאניען, קאן זי שוין פארשליסען די גרענעץ פאר פרעמדע לעבענסמיטעל און אפילו ווען אנדערע רע־

גירונגען וועלען זיך נוקם זיין און פארשליסען די גרענעץ פאר ענגלישע סחורות, שאדט אויך נישט, ווייל ענגלאנד קאן שוין אויסברענגען איהרע פראדוקטען אין איהרע אייגענע קאלאניען. דערפאר וועט ענגלאנד מיט די קאלאניען פאראייניגט זיין, דאס צאלגעזעץ וועט זיי פארבינדען און זיי מאכען פאר איין גרויס וועלט־רייך. דאס וויל אבער נישט דאס ענגלישע פארלאמענט. עס וויל נישט די אלטע פרייהייטען מבטל זיין, מיט וואס ענגלאנד איז אזוי שטאלץ, דורך דעם האט טשעמבערלען אבגעדאנקט.

דאס האט דערפרייט פיעל דייטשע פאליטיקער. ווי עס איז בעוואוסט, איז די גוטפריינדשאפט צווישען דייטשלאנד און ענגלאנד קיהלער געווארען זייט טשעמבערלען האט בעקומען אזא גרויסע דעה אין ענגלאנד. טשעמבערלען האט זיך אין זיינע רעדען אין פארלאמענט א סך מאל אויסגעדריקט פיינדליכע ווערטער געגען דייטשלאנד. אז מיר זאלען אבער בעטראכטען פאר וואס דער ענגלישער קאלאניען־מיניסטער האט זיך אבגעזאגט, וועלען מיר זעהען, אז די שמחה פון די דייטשען איז איין אומזיסטע. טשעמבערלען האט זיך נאך נישט מיאש געווען פון זיין פראיעקט, צו פארביטען דעם פרייען האנדעל, ווארום באמת איז באלפור, דער ענגלישער מיניסטער־פרעזידענט אויך דערצו מסכים. טשעמבערלען מיט באלפור זענען נאר מחולק, ווי מען זאל דעם פראיעקט אויספיהרען, טשעמבערלען וויל, מען זאל עס באלד, מיט איינמאל אויספיהרען און באלפור זאגט, אז מען זאל עס פאמעליך, מיט דער צייט אויספיהרען. און דאס אבזאגען זיך האט טשעמבערלען געמאכט מיט דער כונה צו קאנען פון דערווייטענס בעסער און ענערגישער ארבייטען פאר זיין פראיעקט און עס וועט לאנג נישט דויערען, און טשעמבערלען וועט ווידער זיין שטעלע בעקומען, נאר שוין מיט דעם נצחון, וואס זיין פראיעקט וועט אויסגעפיהרט ווערען.

און אין אונגארן האט גראף קוהן־העדערווארי צוריק בעקומען פון קייזער פראנץ יאזעף איין ערלויבניש צו גרינדען א ניי מיניסטעריום און עס האט נישט געדויערט קיין צעהן טאג האט ער זיך ווידער אבגעזאגט פון זיין שטעלע. דאס פעסטע ווארט, וואס דער עסטרייכישער קייזער האט געגעבען, אז מען זאל אין די ענינים פון מיליטער קיין שום ענדערונג נישט מאכען, האט ארויסגערופען א שטארקע אומצופרידענהייט ביי די געגנערס, און דער הויפט־געגנער פראנץ קאשוט, וואס דער גראף קוהן־העדערווארי האט איהם תחלת געוואונען פאר זיך, איז ווידער צוגעשטאנען צו די געגנערס. און אויך א סך פון די רעגירונגס־פארטיי, די ליבעראלען, זענען צוגעשטאנען צו די געגנער, ווייל דער גראף קוהן האט געפרובט צו פארענטפערען אין פארלאמענט דעם עסטרייכישען מיניסטער־פרעזידענט דאקטאר קערבער, וואס ער האט גערעדט געגען אונגארן. דער גראף קוהן האט געזעהן, אז ער האט אנגעוואהרען דאס רוב אבגעארדענטע און ער קאן נישט רעגירען. איצט איז דער ווירוואר אין אונגארן נאך גרעסער און עס דאכט זיך, אז עס וועט אין דעם צושטאנד נישט מעגליך זיין א ניי מיניסטעריום אין אונגארן צו מאכען.

דייטשלאנד, וואס האט איין אומזיסטע שמחה געהאט, וואס טשעמבערלען האט זיך אבגעזאגט פון זיין מיניסטער־שטעלע האט איין אמת׳ען שרעק פון די פשרה, וואס ענגלאנד מיט פראנקרייך, ביידע דייטשלאנד׳ס שונאים, האלטען ביין מאכען צווישען זיך. יאהרען לאנג, אז ענגלאנד מיט פראנקרייך האבען סכסוכים צווישען זיך וועגען די אפריקאנישע לענדער, מיט וועלכע זיי ביידע גרענעצען זיך. ביידע ווארפען זייערע בליקען אויף מצרים און מאראקא, און יעדע פון זיי זוכט, אז דווקא זי זאל האבען דארטען די אויבערהאנט. היינט אבער, ווי מען הערט, זאל ענגלאנד מוחל זיין איהר זכות אויף מאראקא און דערפאר וועט איהר פראנקרייך לאזען טון אין מצרים און אין קאנגא וואס זי וויל, מאראקא וועט אויף דעם אופן שטעהן אונטער דעם שוץ פון פראנקרייך. און דאס פארדריסט דייטשלאנד זעהר שטארק. נאר נישט דייטשלאנד אליין פארדריסט עס, עס פארדריסט אויך איטאליע און שפאניע און זיי וועלען עס נישט אזוי גיך וועלען דערלאזען. מילא איטאליע וועט פראנקרייך מפיס זיין מיט דער מדינה טריפאליס אין אפריקא; מיט וואס וועט זי אבער קאנען שפאניע מפיס זיין, און ווי שוואך שפאניע איז, קאן זי דאך פיעל צי וועניג שאדען טון פראנקרייך.

אין מאקעדאניע הערען נישט אויף די אונרוהען און די טערקיי מאכט זיך כלומר׳שט, אז זי פיהרט דארטען איין רעפארמען און בעשולדיגט בולגאריע, אז זי העצט אונטער די מאקעדאניער. נאך אלע פארבערייטונגען, וואס בולגאריע מאכט, האט אויסגעוויזען אז זי איז געצוואונגען דורכאויס האלטען מלחמה. אבער די טערקיי ווי עס שיינט וויל אבער דורכאויס נישט קיין מלחמה. פאר בולגאריע אליין האט טערקיי נישט וואס מורא צו האבען, זי איז זיכער, אז זי וועט די מלחמה מיט בולגאריע געווינען, די איבריגע מלוכות, איז זי זיכער, וועלען זיך נישט אריינמישען, אזוי ווי זיי האבען זיך נישט אריינגעמישט אין דער מלחמה, וואס איז געוועזען צווישען גריכענלאנד און טערקיי וועגען דער אינזעל קרעטא און די טערקיי האט דענסטמאל טאקי מנצח געווען די גריכען. אבער טאקי דער סארט נצחון האלט טערקיי אב פון מלחמה. ביי יענעם נצחון האט זי פארלארען די אינזעל קרעטא און ביי היינטיגען נצחון קאן זי פארלירען מאקעדאניע, און פארלירען מאקעדאניע איז פאר דער טערקיי א סך ערגער ווי פארלירען די אינזעל קרעטא. ווארום קרעטא איז איין אבגעטיילטע אינזעל, וועלכע האט מיט די דערבייאיגע לענדער קיין שייכות ניט, אבער מאקעדאניע גרענעצט זיך מיט עטליכע קליינע לענדער אויף דעם באלקאן און נאך מאקעדאניע קאן זיך ווידער אנהויבען מרידות און בונטען אהן א סוף און דער סולטאן ווייסט דעריבער זיך קיין עצה נישט צו געבען. רוסלאנד מיט עסטרייך, וואס ווילען נישט צולאזען קיין שום ענדערונג אין טערקיי, האבען נאך אמאל געשיקט א ווארנונג דעם סולטאן און דער בולגארישע רעגירונג, זיך נישט אריין צו לאזען אין א מלחמה, ווארען עס וועט קיינעם דערפון גאר נישט ארויסקומען. ערשט איצט בעמיהען זיך די טערקישע און די בולגארישע רעגירונגען זיך מיט גוטען צו פארגלייכען.

---

## נייעס פון דער וואך.

### I. וועלט נייעס.

— די געוועזענע סערבישע קעניגין נאטאליע האט זיך געווענדט מיט א בקשה צום קעניג פעטער, ער זאל איהר ערלויבען ארויסצוגע־

מען די ביינער פון איהר איינציגען זוהן, דעם געהרגעטען קעניג אלכסנדר, פון זיין קבר און איהם באגראבען אין אונגארן, אין דעם קבר פון זיין פאטער, דעם געוועזענעם קעניג מילאן.

— דאס רוסישע בלאט „פרידניעפ. קראי" שרייבט: אז מען האט די, וואס האבען גענומען איין אנטייל אין די סטאטשקעס אין יעקאטערינאסלאוו, וועלכע זענען געוועזען אין חודש אויגוסט, פארמשפט פון איין חודש ביז דריי חדשים אסטראג. די צאהל פון די פארמשפט'ע איז 141.

— די חאנען פון בעלודזיסטען (א פאלק אין אזיע נישט ווייט פון פערסיע) זענען אנטלאפען פון בעלודזיסטאן איבער דעם וואס די ענגלענדער אונטערדריקען זיי זעהר, און זענען אנגעקומען אין אסחאבאד (רוסלאנד). זיי ווילען, אז רוסלאנד זאל זיי צונעמען פאר סאלדאטען.

— דעם 23 אויגוסט איז געוועזען דער משפט פון די, וואס האבען איין אנטייל גענומען אין די אונרוהען, וועלכע זענען געוועזען דעם 2 מערץ אין ראסטאוו ביים דאן. דריי האט מען אבגעמשפט צו הענגען, נאר מען וועט בעטען פאר זיי, מען זאל זיי פארגרינגערן זייער שטראף. צעהן זענען פארמשפט געווארען אויף קאטארגע אונ איינער אויף 5 יאהר ארעסטאנסקע ראטע.

— דער בעוואוסטער יודישער באקטעריאלאג ד"ר מארמארעק האט געפונען א נייעם איינשפריצונג אויסצוהיילען שווינדזוכט־קראנקע.

— אין „פינל. גאז." איז געדרוקט א בעפעהל, אז מען זאל אבלעגען דאס עפענען דעם פינלענדער „סיים", איין ארט פארלאמענט, אין יאהר 1904, ביז דארטען וועט אין גאנצען שטיל ווערען די אונרוהען.

— מיטוואך דעם 30־טען סעפטעמבער איז דער רוסישער קייזער אנגעקומען אין וויען. דער קייזער פראנץ יאזעף האט איהם בעגריסט זעהר פריינדליך. די טאאסטען, וואס די ביידע מאנארכען האבען געהאלטען אין שענברונער פאלאץ, האבען א גרויסען פאליטישען ווערט, דען פון זיי זעהט מען ארויס, אז דער שלום אין אייראפא וועט געזיכערט זיין און די אונרוהען אויף דעם באלקאן וועלען צו קיין קריעג נישט ברענגען.

## II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. אין אדעסער אוניווערזיטעט האבען 193 יודען אריינגעשיקט בקשות, מען זאל זיי דארט אננעמען. צווישען זיי געפינען זיך א סך, וואס האבען געענדיגט דאס גימנאזיום מיט א גאלדענעם מעדאיל. אנגענומען זענען געווארען 40 און 8 פרייע צוהערער.

— אין דער אדעסער אוניווערזיטעט וועט געעפענט ווערען פון נייעם לעהר־יאהר איין אבטיילונג צו לערנען פראוויזאר און יודען וועט מען היינטיגעס מאל צונעמען 20 פראצענט.

— דער רוסישער קייזער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז ביים דערלאנגען איהם זאלץ און ברויט בשעת מען בעגעגענט איהם זאל מען נישט עס דערלאנגען אויף טייערע טעלער פון גאלד אדער זילבער.

— פון 1־טען אקטאבער האט מען ערלויבט אין פעטערסבורג אריינוואָרפען טעלעגראמעס אין דער מדינה גופא אין די פאסט־קעסטלעך און וויפיעל די טעלעגראמע דארף קאסטען זאל מען אנקלעבען פאסט מארקעס.

— אין קיעלץ (פוילען) איז פערהאנדעלט געווארען אין אקרושנאי סוד א משפט וועגען די ערמארדונג פון דעם רב ר' ישעיהו פיש, אין וועלכע עס זענען בעשולדיגט געוועזען איין יוד ישעיהו זינגער און צוויי קריסטען, פון וועלכע איינער איז אנטלאפען פון סיביר. דאס געריכט האט ארויסגעפונען, אז דער יוד זינגער האט אין דער רציחה קיין אנטייל נישט גענומען און האט איהם בעפרייט און די ביידע קריסטען האט מען צוגעפסק'עט צוועלף יאהר קאטארגע.

— דער טאווריטשעסקער גובערנאטאר וו. פ. טרעפאוו, דורכפאהרענדיג דאס דארף קאמענקע (מעליטאפאלער אויעזד טאוור. גוב.)

האט בעזוכט די דארטיגע שוהל בעת דער עולם האט געדאווענט. נאך דעם דאווענען האט ער זיך געווענדט צום עולם מיט די ווערטער: „איך בין צופרידען, וואס איך האב אייך בעזוכט בעת איהר האט גאט געדיענט און וויל אייך זאגען, אז איך בין געקומען אין טאווריטשעסקע גובערניע נים אלס שונא פון יודען. פון אנהויב אן האב איך אין מיינע צירקולארען, ניט בערעכענדיג די געזעצטע, פארגרינגערט אייער דערוויילע־זיין אין די ערטער, וואו יודען טארען ניט וואהנען, נאר צו מיין בעדויערען, מוז איך אייך זאגען, אז די אויפפיהרונג פון אייערע גלויבענס ברידער איז זיך ניט אזוי ווי איך האב געמיינט. אומעטום אין די אונארדענונג האבען יודען ניט נאר אנטייל גענומען, נאר די הויפט־פיהרער געוועזען. איך פארשטעה גאנץ גוט, אז אייך איז שווער איבערצוטראגען די בעשרענקונגען פון די געזעצע, נאר מיט אזעלכע מיטעל קאנט איהר נאך פארערגערן אייער לאגע. איך רעכען, אז איהר דארפט ניט אנווערען די האפנונגען צו בעקומען אלע רעכטע; אבער דאס קאנט איהר נאר אויספיהרען מיט אייער גוטע אויפפיהרונג, כדי די רעגירונג זאל אייך קאנען גלויבען.

— שבת דעם 8־טען אויגוסט, ווען די יודען פון קרעמענטשוג זענען געגאנגען פון שול, זענען איינע קריסטליכע שכורים זיי בעפאלען און איינער האט ארויסגענומען א מעסער און געזאגט: „אה ווי ווילט זיך מיר איצט קוילען אפאר יודען!" דער יודען האט באלד פון איהם ארויסגעחאפט דאס מעסער און איהם אריינגעשטאכען אין בויך. באלד איז ארויס א קלאנג אין שטאדט, אז די יודען האבען געשאכטען א קריסט אויפ'ן מיט'ן גאס און ווען נישט די ענערגישע ארבייט פון דער פאליציי, וואלט דארט געקאנט אויסברעכען אונרוהען, איינינגע יודען האט מען ארעסטירט, דעם געשטאכענעם קריסט האט מען אוועקגעפיהרט אין שפיטאל און לויט ווי דאקטוירים זאגען וועט ער געזונט ווערען.

— אין דער לעצטער אספה ביי די פארשער פון די הייל־בעדער האט מען בעשלאסען צו בעטען די רעגירונג, זי זאל ערלויבען יודען זיך צו קורירען אין אלע רוסישע באד ערטער.

די קריסטליכע איינוואהנער פון נאווא־ספאסאווסקא האבען געמאכט א „פריגאוואר" און עס צוגעשיקט צו די העכערע בעאמטע אין אויעזד צו בעשטעטיגען. אין דעם דאזיגען פריגאוואר שרייבען די פארשטעהער פון נאווא־ספאסאווסקא, אז ווייל די יודען האבען ארויסגעלאזט אויף די דארטיגע קריסטען א פאלשען קלאנג, אז זיי ווילען מאכען א פאגראם, זאל מען זיי ערלויבען צו מאכען א בעשלוס: מען זאל יודען נישט פערדינגען קיין וואהנונגען, מען זאל ביי זיי נישט געהן דיענען, מען זאל פון יודען קיין שום זאך נישט קויפען. די העכערע בעאמטע אבער האבען דעם בעשלוס נישט בעשטעטיגט און האבען דערקלערט, אז מען דארף נישט מאכען קיין שנאה צווישען איין פאלק און די אנדערע. די יודען האבען דעם קלאנג נישט ארויסגעלאזט מיט א כיון, נאר זייט די אונרוהען שרעקען זיך די יודען זעהר און דערפון איז ארויס דער פאלשער קלאנג.

— דאס רוסישע בלאט „באקינ. איזוו." שרייבט מען פון קיעוו, אז די יודישע פרוי פרומקין, וועלכע מען האט נעמשפט דערפאר, וואס זי האט געוואלט שטעכען מיט א דעסערטנע מעסערל דעם דארטיגען זשאנדארמסקען פאלקאווניק נאוויצקי בשעת ער האט איהר אויסגעפרעגט, האט דאס געריכט זי בעפרייט. דער זשאנדארמסקי פאלקאווניק, שרייבט אין אנדער רוסישע צייטונג, האט פערלאזט זיין שטעלע.

— שבת דעם 29 אויגוסט, בשעת דער רוסישער קייזער מיט די קייזערין זענען געוועזען אין ליבוי, האבען די פארשטעהער פון דער ליבוישער יודישע געמיינדע איבערגעגעבען דעם קייזער א קליינע ספר תורה מיט זילבערנע עץ חיים'ס און א יד. אונטען אין די עץ חיים'ס איז געוועזען אויסגעקריצט אויף איינעם אין העברייאישער און אויף

דער צווייטער אין רוסישער שפראך „באור פני מלך חיים“. דער קייזער האט די ספר תורה צוגענומען מיט ביידע הענט און האט די פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע פריינדליך געדאנקט.

**רומעניע.** א סך יודישע בעלי מלאכות אין יאסי האבען געהאט בדעה קיין מזרח אפריקא אויסצוּוואנדערן, די דאזיגע גרופּע האט זיך פארזאמעלט אין דער יאסער שוהל און האבען בעשלאסען צו זאמלען געלד און צו מאכען א פאנד צו דעם צוועק. אויך איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען צו ד״ר הערצל און איהם צו בעטען, ער זאל ביי די ענגלישע בעאמטע עפּיס פועל׳ן לטובה די עמיגראנטען.

דערויף מאכט אויפמערקזאם די „וועלט“, וואו די דאזיגע ידיעה איז געדרוקט, אז מען זאל זיך נאך נישט איילען צו עמיגרירען אין מזרח אפריקא. די ציוניסטען, זאגט דאס בלאט ווייטער, מוזען טון וואס ס׳איז נאר מעגליך נאך נישט צו לאזען די יודישע מאסע וואנדערן, דען דערוויילע האט נאך דער קאנגרעס נישט בעשלאסען זיך צו בעזעצען אין מזרח אפריקא. ד״ר הערצל האט אויף דעם 6־טען קאנגרעס געזאגט בפירוש, אז מען קאן נאך קיין אויסוואנדערונג נאך מזרח־אפריקא נישט אונטערנעמען, און עס איז א גרויסע עולה, ווען ציוניסטישע חברות בעמיהען זיך צו פארשפּרייטען צווישען פאלק די לוסט נאך מזרח־אפריקא צו רייזען, דען דאס איז געגען דעם בעשלוס פון קאנגרעס. די „וועלט“ בעט מען זאל די דאזיגע ידיעה אבדרוקען אין אלע בלעטער.

— בשעת דער דירעקטאר פון דער רומענישער פאליציי איז געוועזען אין בערלין האבען איהם איינינגע באנקירען פארגעווארפען, פאר וואס מען בעהאנדעלט די יודען אזוי שלעכט אין רומעניע, און אז מחמת דעם זענען די רומענישע פאפּירען געפאלען.

**טראנסוואל.** די טראנסוואלער יודען שיקען אויף זייער אייגענעם חשבון א גרויסע עקספעדיציע קיין אוגאנדא אויסצוזעהן און אויסצופארשטען דאס לאנד, וואס ענגלאנד וויל אוועקגעבען יודען.

---

## ידיעות פון האמעל.

דעם דריטען סענטיאבער איז דער גובערנאטאר פון מאהילעוו געקומען אין האמעל און האט געלאזט צוזאמען רופען איינינגע יודישע נכבדים אין האט זיי געזאגט די דאזיגע ווערטער:

„איך בין געקומען צופאהרען עקסטרא צוליב אייך. מיר טוט זעהר באנג די אומגליקליכע אומשולדיגע קרבנות, וואס זענען געפאלען, דען געליטען האבען גראדע די אומשולדיגע און ארימע. פון וואנען האט זיך דאס גענומען אזא שנאה פון איין גרופּע געגען דער אנדערער, וועלכע האבען איין אנדער גלויבען? אין רוסלאנד דולדעט מען אלע גלויבענס, דאס ווייסען די יודען אליין בעסער פאר אלעמען. די סבות פון די לעצטע אומגליקען דארף מען זוכען ערגעץ טיעפער. איך קען מאהילעווער גובערניע שוין מיט 25 יאהר צוריק. דענסטמאל זענען די יודען געוועזען רוהיגע מענשען, זיי האבען אין קיין פאליטישע בעוועגונג נישט גענומען קיין אנטייל, און מען האט דענסטמאל אפילו נישט געטראכט וועגען פאגראמען. די פאגראמען, וואס זענען געוועזען אין די 80־גער יאהרען האבען געהאט א גאנץ אנדערען כאראקטער; די סבה פון זיי איז געוועזען דער שווערער דרוק, וואס די יודען האבען געדריקט די קריסטען. נאר איצט איז די סבה גאר איין אנדערע. איצט זענען די יודען געווארען די הויפּטאנפיהרער פון אלע בעוועגונגען געגען דער רעגירונג. דער גאנצער בונד און סאציאל־דעמאקראטען בעשטעהט פון יודען. אמת, עס געפינען זיך צווישען זיי אויך מענשען פון אנדערע גלויבענס, אבער זיי האט מען נאר אונטערגעהעצט און ווער זענען די אונטערהעצערס — יודען. אין גימנאזיום מאכען די יודען די יוגענד אויסגעלאסען, „סחאדקעס“ אין די אונווערזיטעטען ווער מאכען? יודען. בכלל זענען די יודען היינט געווארען גרויסע עזות־פּנים׳ער און אכטען נישט מעהר די הערשאפט. זעהט מיינע הערען, די קלענערע פאליציי האבען היינט מעהר גאר קיין ווערט נישט, זיי פאלגט מען שוין גאר נישט. אומעטום ווייזען די יודען ארויס זייערע נישט אכטונג און שנאה צו די קריסטען. אט האט איהר איינינגע פאקטען: די טעג איז א וועליסאפעדיסט אויף דער גאס צוגעשפּרונגען צו מיין פרוי; ווער איז דאס געוועזען? — א יוד. אויף דער גאס בעגעגען איך א גימנאזיסט מיט א פּאפּיראס אין מויל און בעגריסט מיך נישט אפילו; ווער איז דאס? — ווייטער א יוד. א גימנאזיסטקע, האט אויסטועגדיג זיך, אנגעריהרט מיט׳ן ארבעל מיין פרוי און אז די פרוי מיינע האט איהר געפרעגט, פאר וואס זי ענטשולדיגט זיך נישט, ענטפערט זי: „איך האב נישט בעמערקט“. ווייטער דאס אייגענע — א יודיש מיידל. אט, מיינע הערען איז די סבה. איהר זענט אליין שולדיג אין אלץ וואס עס טרעפט זיך. די רעגירונג איז אונפּארטייאיש און איך בין אויך אונפּארטייאיש. אין זייענדיג אונפּארטייאיש, מוז איך אייך זאגען: איהר זייט אליין שולדיג. איהר ערציעהט נישט אייערע קינדער ווי מען דארף, איהר לערנט זיי נישט האבען דרך ארץ פאר א העכערן פון זיך. אמת איהר קענט אויף אייערע קינדער נישט ווירקען, אבער איהר קענט דאך אויף זיי אנווייזען ביי דער רעגירונג. איהר טוט דאס אבער נישט. אדרבא איהר פארבעהאלט נאך זייערע בעהאנדלונגען. אט האט איהר די פרוכט פון אייער שיינע הנהגה. איהר פארשפּרייט צווישען די נישט געבילדעטע שנאה געגען דער רעגירונג, איהר העצט זיי אן, זיי זאלען מיט דער רעגירונג מלחמה האלטען, נאר דאס רוסישע פאלק וויל דאס נישט און האלט מלחמה מיט אייך. אט צו וואס איהר האט געבראכט. דערמאנט אייך נאר, ווען איז דאס גאר דערהערט געווארען, אז יודען זאלען זיך בעוואפענען, זאלען שיסען אויף מיליטער, וועלכע האט אייך גופא בעשיצט. אויף אזא אופן דארף מיר נישט אייך בעשיצען, נאר זיך פון אייך בעשיצען. עס טוט מיר באנג, פון הארצען באנג די אומשולדיגע קרבנות. נאר, מיינע הערען, איהר זייט אליין שולדיג, און איהר טראגט אויף זיך דאס אחריות געגען אייערע ברידער פון איין אמונה, פאר אלץ וואס עס קומט פאר.

---

## דער לייב און דער העלפאנט.

א מעשה׳לע.

פון דוד פינסקי.

אין דעם זאלאגישען גארטען אויף א ווייטען פּלאץ, איין ארומגעצוימטען מיט אייזערנע שטאנגען, איז ארומגעגאנגען, שווער ריהרענדיג זיין אונגעהייערן קערפּער, דער גרויסער אינדישער העלפאנט. פאר די שטאנגען ארום און ארום איז געשטאנען א גרויסער עולם. אלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער. אלע האבען זיך געשטופּט נעהנטער צו די שטאנגען, חאטש דער גרויסער אינדישער העלפאנט איז געוועזען צו זעהן אפילו פאר יענע, וועלכע האבען קיין געלד

נישט געהאט צו בעצאהלען פאר'ן אריינגאנג און זענען געשטאנען הינטער דער וואנט פון דעם גארטען. די מענשען האבען זיך געשטופט צו זעהן, ווי דער געפאנגענער ריעז „מאכט קונצען".

„בעט!" האבען זיי איהם געשריגען. „טו דיך א בוק!"

און דער גרויסער העלפאנט האט אומגעווארפען מיט זיין לאנגע נאז, געשאקעלט דעם שווערען קאפ, געדרעהט מיט די אויגען, געקלאפט מיט די אויערן און געמאכט זיינע קאמפלימענטען מיט זיין ריעזען-פוס. די מענשען האבען געלאכט, געפרייט זיך און דערלאנגט איהם שטיקלעך צוקער און שטיקלעך ברויט, מיט מורא אויסשטרעקענדיג די האנט און מיט מורא צוכאפענדיג זי צוריק. און דער העלפאנט האט אריינגעווארפען די אויסגעבעטענע שטיקלעך אין זיין ווייטען האלז אריין און געבעטען נאך, בוקענדיג און ברעכענדיג זיך.

נישט ווייט פון דעם גרויסען פלאץ, אויף וועלכען דער העלפאנט האט לוסטיג געמאכט די מענשען, איז ארומגעלאפען דער לייב אין זיין אייזערנעם שטייגעל — גרויס און שרעקליך און ערהאבען שיין אין זיין שרעקליכקייט. נעבען זיין שטייגל זענען געשטאנען ווייניג מענשען און דאס זענען אויך געוועזען א זעלכע, וועלכע האבען שוין קיין כח נישט געהאט צו לאכען פון דעם העלפאנט. נאר וואס מאכט זיך אוים א לייב פון מענשען, דערהויפט נאך ווען ער איז שטארק צעטראגען און פארטיעפט אין געדאנקען.

און דער לייב איז שטארק צעטראגען געוועזען. ער האט דערקענט אין דעם בוקענדיגען און קרימענדיגען זיך העלפאנט זיין בעסטען גוטען פריינד.

זיי זענען אויסגעוואקסען אין איין וואלד און געוועזען צוערשט גרויסע שונאים. אבער אז זיי האבען איינער דעם אנדערן נישט געקענט בייקומען, ווייל זיי זענען ביידע געוועזען גלייך שטארק און קלוג, האבען זיי געמאכט שלום און זענען געווארען ווי אנדערע צוויי. מען האט זיי שטענדיג נאר צוזאמען געזעהן, איינער אהן דעם אנדערען האט קיין שריט נישט געמאכט, אפילו פון דאנען א הער. און דער וואלד האט געזאגט, אז די ביידע מיט זייער כח און מיט זייער שכל וועלען בעהערשען די וועלט. אבער די חיה טראכט און דער מענש לאכט. ויהי היום — און זיי זענען ביידע געווארען דעם מענשענס געפאנגענע. דער מענש האט זיי צעשיידט און פארפיהרט אין בעזונדערע לענדער. אין א סך מענאזשעריען איז שוין דער לייב איבערגעוועזען פאר דער צייט, ארומגעפאהרען צוזאמען מיט העלפאנטען, אבער זיין פריינד האט ער נישט געטראפען. און יעצט, אז ער האט איהם דערזעהן, איז איהם דער פריידענס־אויסגעשריי געבליבען שטעהן אין האלז.

„איז עס מעגליך, אז דאס איז מיין פריינד?" האט ער געטראכט. „אט א דער קונצענמאכער, דער בעטלער, דער פאיאץ?".

ער האט זיך אויפגעהויבען אויף ביידע פארנסטע פיס, אנגעשפארט זיך אן די שטאנגען און אויסגעברילט זיין פריינד'ס נאמען. און געוואלט האט ער, אז ער זאל א טעות האבען, אז דאס זאל זיין איין אנדער העלפאנט, נישט זיין פריינד.

אבער דער העלפאנט, וועלכער האט געהאט בדעה אריינצוווארפען א שטיק ברויט אין מויל, האט עס נישט דערטראגען צום מויל, א קוק געטאן א היין, פון וואנען זיין נאמען האט זיך געלאזט הערען, און אבגעברילט מיט שמחה: „דו?!" — ער האט אויך דערקענט זיין אלטען פריינד.

„ביזט דו עס טאקי מיין פריינד, מיין העלפאנט?" האט דער לייב געזאגט מיט א טרויעריגען קול. „וועה מיר, וואס איך זעה דיך אזוי!"

„יא," האט אבגעזיפצט דער העלפאנט און אראבגעלאזען דעם קאפ, „וועה אונז, וואס מיר זעהען אונז אזוי..."

„אז דו זאלסט אזוי טיעף פאלען!"

דער העלפאנט האט אויסגעשטעלט אויגען און אויערן.

„וואס מיינסטו דערמיט?" האט ער געפרעגט.

„וואס זאל איך דערמיט מיינען? דו דער גרויסער העלפאנט, מיין חבר — א קונצענמאכער, א פאיאץ, א בעטלער, א טעלערלעקער"...

„אך, אזוי מיינסטו עס?" — דער העלפאנט האט זיך א ביסל בעליידיגט און איז גלייך געווארען שטעכענדיג. „נא, מיר האט מען עפיס דערציילט וועגען דיר, אז דו ביזט געוועזען אין א ציריק, געשפרונגען דורך רייפען, געטאנצט אויף פערד, געבראכען זיך... מיט איין ווארט — א פאיאץ, א קונצענמאכער... ער האט געצויגען די ווערטער מיט א פיינער, פיינער איראניע.

„דו לייגסט!" האט דער לייב אויסגעברילט. „איך בין קיינמאל נישט געוועזען דאס, וואס דו זאגסט. איך בין געשפרונגען דורך רייפען, געטאנצט אויף פערד, אבער מיט בייטשען האט מען מיך געטריבען און מיט רעוואלווערן. איך האב נישט געוואלט געשמיסען ווערען און — איך בין מיך מודה, און דאס איז אפשר מיין איינציגע זינד — איך בין געהאנגען אן לעבען און האב מורא געהאט פאר די רעוואלווערן. דערפאר בין איך אומגעשפרונגען. איך האב מיך אבער נישט ערנידעריגט, נישט געבעטעלט קיין ברויט און צוקער, און נישט לוסטיג געמאכט דעם עולם מיט'ן גוטען ווילען. איך האב מיך אויפגעפיהרט ווי א לייב און צולעצט האב איך אבגעטרייסעלט פון מיר די מורא פארן רעוואלווער, דאן האט מען מיך פארזעצט אהער אין דאס שטייגל. די אייזערנע שטאנגען זענען צו שטארק פאר מיר, אבער די יעניגע, וועלכע האלטען מיך געפאנגען, ציטערען פאר מיר. דו לייגסט. הערסט דו! א געפאנגענער קעניג בין איך, אבער דאך א קעניג!".

„נא", האט דער העלפאנט אבגעשמייכעלט מיט זיין פיינער איראניע, איך בין אין איין אנדער מיינונג. איך זאג מיר, ביזט געפאנגען, זיצט הינטער אייזערנע שטאנגען, ווארטסט אויף געגאדען-ברויט, טיך מאך זשע נישט, ברודערקע, קיין קוראזש. מיינסט דען, אז איך וואלט נישט געקאנט שרעקען די מענשען? איך דארף נאר העפטיגער א הייב טון מיין נאז, מאכען א שנעלערע בעוועגונג: שטארקער אבברומען, און דער גאנצער, גרויסער לאכענדיגער עולם וועט זיך צעלויפען אהן נשמה, וואו דער פעפער וואקסט — זעהסט, א?..."

ער האט אנגעהויבען ווילד אומצוווארפען זיין גרויסען קערפער, משונה'דיג צו ברילען און אנגעהאפט זיך מיט דער נאז פאר די אייזערנע שטאנגען. דער עולם האט זיך א לאז געטאן, שטארק דערשראקען, מיט איין אימה'דיגען געשריי: „ער וועט זיך ארויסרייסען! אבער דער העלפאנט האט אבגעלאזען די שטאנגען און אנגעהויבען צו מאכען זיינע פארבויגונגען. די מענשען זענען ביסלעכווייז און

אבגעהיט צוגעגאנגען צוריק צו די שטאנגען, און באלד איז אלץ פארגעסען געווארען, און ער האט ווידער געקראגען ברויט און צוקער.

ער האט זיך ווידער געווענדט צום לייב:

"זעהסט, הא? זיי האבען מורא פאר מיר נישט ווייניגער ווי פאר דיר. אבער נאך וואס זאל איך זיי פארטרייבען? צוקער איז זיס און ברויט איז זעטיג..."

ער האט גאנץ גנב'יש צוגעווינקען מיט די אויגען, געמאכט א פארבויגונג און געקראגען א גרויס שטיק ברויט.

איין עקעל האט אנגעכאפט דעם לייב. ער האט אזש געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער. ער האט געזוכט נאך א הארב ווארט, נאך דער שווערסטער, שטארקסטער בעליידיגונג. דאן האט ער זיך שטארקער אנגעשפארט מיט די פארדערסטע פיס אן די שטאנגען פון זיין שטייגל און מיט אלע כחות ארויסגעשריגען, פול פאראכטונג: "מה־יפית"!

---

דער העלפאנט האט אבגעלאכט גוטמוטיג און געשלונגען די גוטע זאכען. אבער דער לייב האט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און ארויפגעלעגט זיינע גרויסע לאפעס אויף זיין קעניגליכען קאפף.

---

## מיין פריינד, צי דו ווייסט?...

א בריף פון רומעניע.

מיין פריינד, צי דו ווייסט,
וואס הייסט און בעדייט
א ביטערע צייט?...

צי פיהלסטו; וואס הייסט
א פאלק אין א צער,
א פאלק אין געפאהר?...

*

צי פיהלסטו מיין פריינד,
ווי טיעף איז דער וועה,
ווען ס'הערט זיך פון פיינד
א בראנפען־געשריי;
אט זעהסטו ער קומט
מיט רציחה און וואוט,
אט הערסטו — ער ברומט,
און דארשט נאך דיין בלוט, —
און האסט ניט וואוהין
נאך רעטונג צו געהן,
נאר סיידען צו איהם,
צום שונא אליין?...

*

צי פיהלסטו מיין פריינד,
וואס איז דאס אזוינס,
א פאלקל א קליינס
און גרויס איז דער פיינד?...
אהן וואפען... אהן מוט...
און האט ניט קיין שוץ
און הפקר זיין גוטס,
און הפקר זיין בלוט?...

אברהם רייזען.

---

# ביים רב אין שטוב.

פון מ. י. ב.

I.

אלטע דורות. — "עס האט מיך אנגעהויבען צופען ביים הארצען. איך זעה דאס קינד קרומט זיך. משולמ'ל, מיין זוהן, וואס איז דיר? ער פארהיסט זיך און ווערד רויט, אז איך האב מיך באמת דערשראקען. איך הייב איהם אן צו שאקלען ביים קאפ, טאמער ווארגט ער זיך. א מאמע, א ווייטאג איז צו מיר! די יונגלעך האבען דיר עפיס אריינגעשטעקט אין מויל אריין? ער שרייט: יא. פארשרפ'עט זאלען זיי ווערען מיט'ן רבי'ן דיינעם אין איינעם. ווייז אהער, מיין קינד. א חדר איז דאס, קראנק איז מען צו געבען השגחה אויף די קינדער. ריבצי, שריי איך צו דער דינסט, גיב אהער ווארם וואסער, א טיכעלע, א האנטוך, אז זי איז צו אלדע רוחות אוועקגעגאנגען. היינטיגע צייטען דיענסטען. סקאצעל קומט! מיינע, דאס עלטערע מיידל מיינס איז אריינגעקומען. וואס שטעהסט דו ווי א קלאץ, געה אריבער צום רופא, דעם קינד מוז מען דאך עפיס טון. מאמע מע האט מיר ניט אריינגעשטופט אין מויל. וואס דען, איין אנדער קינד וועט דאך א מאמען זאגען. חיליק האט מיר אריינגעשפיגען אין מויל אריין. — סטייטש, וועה מיר געשעהן, וואו איז זיין מאמע, די הולטייקע, די אויגען וועל איך איהר אויסרייסען, פארשיווע איינע. הערשעל, וואו שטעקסט דו צום רוח, דער מאן מיינער, איך בעט איבער אייער כבוד, א טאטע איז דאס, ניט פאר קיין שום יודען געדאכט. א דאס בין איך געקומען צו אייער פאטער. אז ער איז יא רב אין שטאדט, מוז ער דאך זעהן אויף לייט און ניט געבען די תלמוד־תורה יונגלעך דארט, וואו די בעל־הבית'ישע קינדער געהען. צאהלען צאהלען מיר גענוג. נעמט אייך צו א בעלפער און לערנט זיי אויס עברי. — אז איהר פארשטעהט מיך ניט, א פנים, זענט איהר דער דייטש. ביי אונז זענען נאך אלטע דורות."

II.

דער בעל־מחבר. — "אז איהר וואלט געווען א גוטער, וואלט איהר מיר דערקלערט דעם ענין פון גלגלים. די זון איז דא ביי טאג, די לבנה, ביי נאכט, די שטערן זענען גאר אהן א שיעור... אמאליגע יאהרען זענען די גדולים געווען גרויסע תוכנים, די היינטיגע לומדים קאנען קוים חשבונ'ען. פאר וואס געהט רעגען, פאר וואס וואקסט דא ווייץ און דא קארן? א דאס איז טאקי דער ענין פון דער טבע. און אלע זשוקלעך און משה רבינו'ס פערדעלעך, וואס זיי קריכען ארום, וואס טויגען זיי? אלע חכמות משיג צו זיין איז גאר ניט פאר א ילוד־אשה. טוט מען זיך אריין אין די ספרים, זעהט מען אז זיי זענען אלע געווען גרויסע בעלי מוחות און מענשען מיט קעפ. זאגט מיר, איך בעט אייך, איך האב געהערט, אז איהר האט אויך געשריבען ספרים, איהר זענט דאך אבער גאר ניט פרום: אונזערע חכמים האבען אלע געהאט רוח הקודש און אז זיי האבען עפיס געזאגט, איז דאס געווען, ווייל זיי האבען געהאט דעם ווייטען קוק... וואזשע וויל איך מיך מיט אייך מישב זיין. עס האט זיך מיר פארגלוסט צו מאכען א ספר'ל אויף חקירה. אז איהר וואלט געוואלט דאס איבערלייענען. דרוקען קענט איהר עס א ודאי ערגעץ אין ווילנא,

צי אין בערדיטשעוו. אז בסך הכל, טראכט איך ביי מיר, אז דו וועסט דאס אבדרוקען, קאנסט דו נאך אריינפאלען אין גאות אריין. אבער ציעקאווע איז דאס צו זעהן פון זיך א ספר'ל. איין אנדערען וואלט איך עס ניט געזאגט, אייך יא. מיינט איהר, אז ביי אונז אין שטעדטל פארשטעהט עמיצער עפיס, חאטש א שטיקל אבן־עזרא, רד"ק, אסור."

"זאגט מיר, איך בעט אייך, איהר וואהנט דאך אין בערלין. מילא, די יודען רעדען דארטען דייטש. אבער די גוים, אויף וואס רעדען זיי? איז ביי זיי אויך אלץ אויף רוסיש? וואס מיר בלייבט א קשיא, אז דארט זענען אויך די גוים מחבר ספרים. מילא אין רמב"מ'ס צייטען זענען געווען די טבעיים, אריסטו למשל. אבער היינט. — אז איהר וועט איבערלייענען מיין ספר'ל וועט איהר זעהן, ווי אזוי איך טייטש אוים דעם פסוק: כאיל תערוג על אפיקי מים. טאמער, מיינט איהר, איך וויל עס דרוקען אהן הסכמות? אז איהר וואלט ניט געווען גאנץ פון זייערע לייט, וואלט איהר מיר געקאנט עפיס אויפשרייבען. וואזשע ארט מיך אייער דאקטאר? פאר מיר זענט איהר נאך עד היום יוסל דעם רב'ס."

---

## איין אלטע עצה אויף א נייע פראגע.

די עקאנאמישע וויסענשאפט לעהרנט אונז, אז די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט בילדעט א געביידע, ביי וועלכע מען דארף שטרענג אונטערשיידען דעם יסוד פון צובויאונג, דעם עיקר פון טפל.

די געלעהרנטע, וואס האלטען פון דעם עקאנאמישען מאטעריאליזמוס, ד"ה די געלעהרנטע וואס זייער שיטה איז, אז די גאנצע קראפט אין אונזער געזעלשאפטס־מאשין זענען די עקאנאמישע סבות, זאגען אז דעם צושטאנד פון דער עקאנאמיע האט מען צו פארדאנקען אלץ וואס קומט פאר אויף דער וועלט. דער גאנצער יסוד אין דער געזעלשאפט, זאגען די דאזיגע געלעהרנטע, זענען נאר די עקאנאמישע בעדינגונגען, אונ אלע ארדנונגען, וואס מען האט ביז היינט איינגעפיהרט אין לעבען אונ מען וועט נאך איינפיהרען. איז נאר מחמת די עקאנאמישע בעדינגונגען. די איבריגע פארמען פון דער געזעלשאפט, ווי למשל, די געזעצע אונ משפטים, סיי אין דער געזעלשאפט, סיי אין דער פאליטיק, אפילו די פארמען פון מאראל, זענען נאר טפל־זאכען, אונ זענען אבהענגיג פון די עקאנאמישע בעדינגונגען. די עקאנאמישע בעדינגונגען זענען דעריבער די הערשער אין אונזער געזעלשאפט, זיי בעשטימען דעם חאראקטער פון אלע איינריכטונגען אין אונזער געזעלשאפט. יעדער רעיון, יעדע בעוועגונג טראגט אויף זיך דעם אבדרוק פון דעם עקאנאמישען צושטאנד. אונ דעריבער, ווען עס ענדערען זיך די עקאנאמישע בעדינגונגען, וועלכע זענען דער עיקר פון דער געזעלשאפט — ענדערען זיך ממילא די איינארדנונגען אונ דער גאנצער סדר, וועלכע זענען נאר דער טפל אין אונזער געזעלשאפט.

נאר נישט אזוי באלד ענדערט זיך דער טפל אפילו ווען דער עיקר איז שוין איין אנדערער.

עס ליגט אין מענשענס טבע זיך צו האלטען אין דעם וואס ער האט בקבלה פון זיינע עלטערן, — דער טאטע האט זיך אזוי געפיהרט — זאגט א פשוט'ער מענש — דער זיידע האט זיך אזוי געפיהרט, וועל איך מיר אויך אזוי פיהרען, איך וועל די וועלט נישט איבערמאכען. די וויסענשאפט רופט די דאזיגע טבע פון מענשען טראדיציאנס קראפט. אונ מחמת דעם כח פון דער טראדיציע בעגעגנען מיר זעהר פיעל פאקטען אין געזעלשאפטליכען לעבען, וואו דער יסוד, אויף וועלכען עס איז געווען געגרינדעט די גאנצע געזעלשאפטליכע ארדנונג איז שוין געווארען אלט, אונ האט שוין איבערגעגעבען די ממשלה א נייערען יסוד, אונ דער צובוי האט נאך פון דעסטוועגען איבער זיין אלטע חזקה א קיום, די אלטע איינריכטונגען האלטען זיך נאך פעסט אפילו אין דער צייט, ווען די עקאנאמישע בעדינגונגען, וועלכע האבען זיי ארויסגערופען, זענען שוין לאנג ארויס פון לעבענס־סצענע אונ ווען די נייע עקאנאמישע יסודות פאדערען שוין פונ'ם לעבען גאנץ נייע פארמען.

דער אלטער צובוי, דורך די טראדיציאנער קראפט, וואס האלט איהם אונטער, קאן האבען א קיום כל זמן דער נייער יסוד וועט ניט ווערען אזוי ווייט ענטוויקעלט, אזוי שטארק, אז ער וועט אין גאנצען חרוב מאכען צו דעם צובוי. דער אלטער צובוי הייבט געוועהנליך אן צו פיהרען א מלחמה מיט'ן נייעם יסוד, וועלכער וויל איהם חרוב מאכען, ווייל איהם ווילט זיך ניט אזוי לייכט אראב געהן פון סצענע. סוף כל סוף אבער איז דער נייער יסוד מנצח אונ טרייבט שוין אין גאנצען ארויס דעם אלטען, אונ דער אלטער צובוי ווערד חרוב, אזוי ווי יעדער בנין אהן א יסוד, אונ דער נייער צובוי, וועלכער וועט פאסען מיט'ן נייעם יסוד, פארנעמט זיין ארט.

דאס בעמערקען מיר אין דער אלגעמיינער מענשליכער ענטוויקלונג אונ אויך אין יעדע ערשיינונג.

פארשידענע אידעען אונ מיינונגען ווינקען טייל מאל אויף די מחות פון מענשען אפ לו דענסטמאל ווען די סבות, וואס האבען זיי ארויסגערופען אונ ענטוויקעלט זענען שוין אבגעשטארבען אונ האבען זייער ארט איבערגעגעבען אנדערע. די דאזיגע אידעען פארנעמען איין ארט אין מענשענס מח כל זמן די נייע טעאריע פון לעבען ווייזט ניט אויף בולט, אז זיי זענען זי סותר אונ אז זי, די נייע טעאריע איז שוין רעכט ענטוויקעלט אונ איז שוין אימשטאנד צו נעמען דעם שליסעל פונ'ם גאנצען גייסטליכען באנאזש.

גרויס אונ מעכטיג איז די קראפט פון דער טראדיציאן, די קראפט פון קאנסערוואטיזמוס! *) אפילו ביי די עכטע פרייע דענקער, ביי די רעכטע פראגרעסיסטען פאר'גנב'עט זיך די טראדיציאן אריין אין וואסערע עס איז א ווינקעלע אונ בעהאלטענעהייט, ווירקט זי אויף דעם גאנצען סדר פון דענקען, אזוי שטיל, דאס דער דענקער אליין בעמערקט עס גאר ניט.

אונ ניט פריי פון אזא ווירקונג איז אפילו דער בעריהמטער עהרליכער דענקער פון אונזער צייט קארל קאוטסקי, ווען עס געהערט דער אויבען־אויסגעזאגטער רעיון.

קאוטסקי איז א תלמיד מובהק פון קארל מארקס, דער גרינדער פון דער עקאנאמישער שטה אין דער היסטאריע. יעדעס ווארט פון גרויסען גאונ'ישען רבי'ן איז פאר איהם א געזעץ, א חוק, אין וועלכען מען טאר נישט מטיל ספק זיין. ווען ער נעמט אנאליזירען (פונאנדערגלידערען) א געוויסע געזעלשאפטליכע ערשיינונג, טרעט ער צו צו

---

*) קאנסערוואטיזמוס הייסט, זיך האלטען ביין אלטען, נישט וועלען איינפיהרען נייע ארדענונגען.

איהר מיט פארטיגע סברות, אונ פון א פריהערדיגען, שוין לאנג אויסגעארבעטען שטאנד־פונקט. בעלייכט ער יעדע פראגע. עס פארשטעהט זיך, אז אזא סארט פארשען קאן ניט זיין אין גאנצען וויסענשאפטליך ריכטיג אונ דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס זעהר אפט איז ער צופיעל נוטה צו איין זייט.

מיר רעדען דא וועגען איין ארטיקעל, וואס קאוטסקי האט ניט לאנג אנגעשריבען, וועגען קישינעווער אומגליק. *)

קאוטסקי האט ביז נישט לאנג, גלייך מיט זיינע חברים, נישט געוואלט מודה זיין, אז א חוץ דעם קלאסען־קאמפף, וואס איז געגרינדעט נאר אויף עקאנאמישע אינטערעסען, איז דא אין דער היסטאריע נאך א קאמפף, וואס איז געגרינדעט אויף דעם אונטערשיד צווישען די ראסען, אזא קאמפף, וואס האט קיין שום שייכות ניט מיט די עקאנאמישע בעדינגונגען, אין וועלכע די אדער יענע גרופע מענשען געפינט זיך, אונ דעריבער האט קאוטסקי ערקלערט יעדע שנאה געגען א געוויסע נאציאן אונ אויך די אנטיסעמיטישע בעוועגונג, מיט פארשידענע דוחק תירוצים, מיט וועלכע קאוטסקען אליין געפאלט איצט שוועהר מסכים צו זיין.

יעדע נאציאנאלע פיינדשאפט — פלעגען אונז איבערצייגען די עקאנאמיסטען — איז ניט א זעלבסטשטענדיגע בעוועגונג, נאר א פועל יוצא, א רעזולטאט פון דער גאנצער ניט ריכטיגער עקאנאמישער ארדנונג, וועלכע הערשט ביי אונז אונ דעריבער זענען זיי געקומען צום כלל, אז אלע ערליכע מענשען דארפען שטרעבען דערצו, אז די גאנצע ארדנונג זאל ווערען איבערגעמאכט אונ דענסטמאל וועט שוין ממילא אויפהערען צו עקזיסטירען די נאציאנאלע פיינדשאפט. דענסטמאל, ווען די ארבייט וועט שלום מאכען מיט'ן קאפיטאל — האבען זיי אונז געטרייסט — וועט קומען די צייט, צו וועלכע ישעיה הנביא האט נביאות געזאגט: ותמלא הארץ דעה כמים לים מכסים... לא ישא גוי אל גוי חרב.. וגר זאב עם כבש א. ז. וו.

הויך אונ ערהאבען איז אזא אידעאל! יעדער ערליכער מענש מוז מיט דעם מסכים זיין. אבער לאנג איז די צייט צו ווארטען דערויף, אונ אבזאגען זיך פון אנדערע ארבייט, וועלכע פארלייכטערט די איצטיגע שמערצען אויף דעם סמך, וואס אמאל וועט קומען א צייט, וואס מען וועט אין גאנצען ניט קאנען ליידען נאר אזוינע צדיקים, וועלכע זענען מקבל באהבה פארשידענע יסורים אויף דער וועלט, אויף דעם סמך, וואס זיי וועלען איבער הונדערט יאהר האבען א שטיקעל לויתן אונ א גוטען חלק עולם הבא אויף יענער וועלט.

לעבען אליין נאר מיט אזוינע, הגם זיכערע, האפנונגען איז זעהר שווער!...

דאס פארשטעהען גאנץ גוט אפילו די עקאנאמיסטען אונ דעריבער דריקען זיי אלע מאל אויס א פראטעסט, ווען עס ווערד אונטערדריקט א געוויסע פאלק.

ניט ווייניג רעדען די דאזיגע עקאנאמיסטען וועגען די יודען־פראגע בכלל אונ דער אנטיסעמיטישע בעוועגונג בפרט, אונ הגם די פראטעסטען וועגען די רדיפות געגען דעם יודישען פאלק זענען ניט אזוי שטארק אונ ריהרענד, געבען זיי אבער דערפאר זעהר פיעל עצות די יודען אליין, ווי זיך צו פערטיידיגען געגען די רדיפות.

אז אך אונ וועה אזעלכע עצות!

א חוץ וואס די עצות זענען שוין צו אלט, זענען זיי בכלל ניט וויסענשאפטליך ריכטיג. דאס איז נאר אזא סארט סברא, ווי די, וואס דער רב געברויכט אונ א "הדרן" כדי דער "לשיטתו" זאל זיין ריכטיג.

אונ זעהר ניט אנגענעהם איז צו הערען אזא סברא פון דעם געלעהרנטען קאוטסקי'ן, וואס געהט סאי ווי סאי שוין ניט "לשיטתו" בנוגע די יודען פראגע.

עס איז כדאי צו רעדען וועגען דעם אביסל ברייטער.

ביז דעם לעצטען קישינובער אומגליק האבען אלע עקאנאמיסטען צוזאמען מיט קאוטסקען, ווי מיר האבען שוין געזאגט, געזעהן אין דער אנטיסעמיטישער בעוועגונג נאר א רעזולטאט פון קלאסען־קאמפף. דער קליין־האנדעל אונ די מלאכות האלט איצט ביי א גרויסען קריזיס, טאג טעגליך ווערען זיי אלץ מעהר איינגעשלונגען פון דעם גרויסען קאפיטאל, וועלכער געפינט זיך אין די יודישע הענט. די אונטערגעגאנגענע בעלי-מלאכות אונ קליין בורגער, וועלכע ווילען ניט ווערען קיין פשוטע בעטלער חאפען זיך צו אינטעליגענטע מלאכות, נאר אויך די דאזיגע מלאכות זענען פארפלייצט מיט יודישע יונגע לייט, וועלכע זענען אסך פעהיגער פאר זייערע ניט יודישע חברים אונ קענען זיי בייקומען אין מלחמת הקיום, זייערע ניט יודישע חברים. אזעלכע בעדינגונגען מוזען ארויס רופען קנאה, שנאה קעגען די יודען אונ עס איז קיין וואונדער ניט, אז די פארשטעהער פון די אינטעליגענטע מלאכות, וועלכע לערנען די וויסענשאפט שלא לשמה, בעגעהן זיך זעהר פריינדליך קעגען די יודען.

די יודען פראגע — זאגען זיי ווייטער, — איז פעסט פארבונדען מיט דער אלגעמיינער קלאסען פראגע. וואס מעהר דער קאפיטאליזמוס ענטוויקעלט זיך, אלץ שטארקער ווערד פון דער צווייטער זייט זיין אייביגער געגנער—די ארבייטער מאסע. דער אונגעהייערער דרוק פון קאפיטאל גיט איין די ארימערע קלאסען שכל צו פארשטעהן זייער לאגע. זיי הויבען אן צו פארשטעהן, אז די רעכטע סבה פון זייער ארימקייט איז ניט דער אדער יענער קאפיטאליסט בעזונדער, נאר דער קאפיטאל בכלל, אז קעמפפען דארף מען ניט קעגען א יחיד אדער אפילו קעגען א געוויסע נאציאן, נאר קעגען די גאנצע געזעלשאפטליכע ארדנונג, אונ דאס וועט ממילא מבטל זיין דעם אנטיסעמיטיזם.

"דאס אלץ איז ריכטיג, אבער עס איז ניט קיין תירוץ מספיק".

—איז איצט קאוטסקי מודה אין זיין אויבען דערמאנטען ארטיקעל — ווייל די פראגע איז אלץ קשה, פאר וואס געפינט זיך טאקי דער קאפיטאל אין די יודישע הענט? אונ פאר וואס איז טאקי די יודישע אינטעליגענץ פעהיגער פון אנדערע? אויסערדעם, איז די אויבערשטע ערקלערונג פאקטיש ניט ריכטיג.

"אין רוסלאנד נעהערען די יודען ניט נאר צום קלאס "קאפיטאליסטען, אונ זענען די פארשטעהער פון די אינטעליגענטע "פראפעסיאנען, ווי אין מעריב אייראפא, נאר זיי נעהערען צו אלע "שטעדטישע קלאסען, אויך בעלי־מלאכות אונ פראלעטאריער, "אפילו צו די עניים שבעניים? ווי אזוי האט דאס רוסישע פאלק "געקאנט ארויס ווייזען אזא שנאה קעגען יודען?"

(ענדע קומט).

א. ש. זאקס.

*) זעה וואסהאד 27 היינטיגעם יאהר.

## אלערליי.

א נייער שמשון הגבור. איין אמעריקאניש בלאט שרייבט פון א נייעם שמשון הגבור, וועלכער איז פון רוסלאנד אנגעקומען קיין אמעריקא. דער דאזיגער גבור איז אוים באקו, ער הייסט פעטער נאלזאוו און איז גרויס 5 פוס מיט 5 צאל. פאהרענדיג אויפ'ן שיף קיין אמעריקא, האט ער צוזאמענגעבויגען דיקע אייזען-שטאנגען אזוי לייכט ווי א שטרוי און צעבראכען א קייט, וואס איז געוועזען א צאל די דיק. ער האט צעבראכען א שווערען דיקען שטול ווי מען צעברעכט איין אייער-שאלעכץ. כדי צו בעווייזען ווי שטארק ער איז האט ער זיך געלאזט די רעכטע האנט צו בינדען צום רוקען און מיט די לינקע האנט האט ער זיך געראנגעלט מיט 5 שטארקע מענשען, וואס האבען איהם געוואלט אנידערווארפען. אנקומענדיג אין אמעריקא האט מען זיך באלד פון איהם דערוואוסט און א געזעלשאפט האט איהם געבאטען ביז 2000 דאלאר אוואך ער זאל ביי זיי זיך לאזען אלס בעריהמטער גבור ארומפיהרען אין פארשידענע ערטער. דער נייער שמשון האט געזאגט, אז ער איז גענוג רייך און איז געקומען אין אמעריקא נישט צו ווייזען זיין גבורה נאר אויפצוזוכען זיין קרוב אנטאן ברעלסאוו אין באלטימארע.

---

## יודישע פרויענוועלט

### I. אלגעמיינע נייעס.

— דער ווארשעווער קריסטליכער פעראיין צו בעשיצען פרויען האט בעקאנט געמאכט, אז לויט ידיעות פון א זיכער ארט, איז פון בוענאס-איירעס געפאהרען נאך אייראפא איינער פון די בעוואוסטע פרויען-הענדלער, בכדי ארייצונארען אומשולדיגע מיידלעך און זיי אוועקצופיהרען אין די שענדליכע הייזער אין דרום אמעריקא. דעריבער איז דער פעראיין מזהיר די יונגע מיידלעך, אז זיי זאלען נישט גלויבען קיין שום צוזאג, אז זיי וועלען אין ארגענטינא בעקומען גוטע שטעלען אדער וואהלע חתנים, דען דאס מיינט מען זיי נאר צו פארפיהרען און אומגליקליך צו מאכען.

---

## פרויען-מלוכה.

### די וואהנונג.

א יונגע פאר, וואס ווילען זיך איינפיהרען א צופרידען, בעשייטען לעבען דארף קודם כל זיך פארזארגען מיט א גוטע וואהנונג. די וואהנונג איז די נעסט, וואו דאס יונגע פאר-פאלק דארף גרינדען זייער גליק פאמיליען-לעבען.

אמת, אויסקלויבען א גוטע, בעקוועמע וואהנונג, איז נישט פאר יעדענס קעשעניע, און בכלל נישט פון די לייכטע זאכען. טייל מאל טרעפט, אז די דירה איז טאקי מיט אלע מעלות, אי גוט אי ביליג, נאר זי איז צו ווייט פון געשעפט, און פאהרען יעדען טאג מיט דראשקעס צום און פון געשעפט, טראגט נישט די הכנסה. איז ווידער די דירה נאהענט צום געשעפט און נישט טייער האט זי איין אנדער חסרון, מען קאן איהר, אז עס קומט ווינטער, נישט דערהייצען א. ד. ג. דער כלל: א דירה מיט אלע מעלות איז כמעט פון די אוממעגליכע זאכען, דאס קענען נאר גאר די גרויסע גבירים בעקומען.

עס קומט דעריבער על פי רוב אויס, צו נעמען א דירה, וועלכע עס פאלט אין דער האנט אריין, א דירה, וואס דאכט זיך אין דעם אויגענבליק, אז מען קאן ווי עס איז אין איהר וואהנען.

נאר, אז מען קאן זיך אויסקלויבען פון א סך דירות, דארף מען אודאי אויסקלויבען אזוינע, וואס פאסט מעהר צו דעם ארט לעבען, וואס דאס יונגע פאר וויל איינפיהרען און זיך בעמיהען ווי ווייט עס איז נאר מעגליך זיך איינצוארדענען מיט אלע בעקוועמליכקייטען, בכדי די וואהנונג זאל זיין ליב ביי דעם מאן און ער זאל נישט וועלען זוכען אנדערע הייזער.

דער עיקר נאטירליך שפיעלט ביי א וואהנונג די גרעסטע ראלע, זי זאל איינגעארדענט זיין לויט די געזונטהייטס כללים.

ווי דארף זיין א געזונטע דירה?

א געזונטע דירה דארפען די פענסטער ארויסגעהן אין מזרח, כדי עס זאל אין איהר אריינקומען א סך ליכט פון דער זון. די געזונטסטע דירה איז ווען די פענסטער געהען ארויס אין אלע פיער זייטען פון דער וועלט, אלץ מחמת דעם אייגענעם טעם, כדי די זון, וועלכע ריינגעלט ארום אין דעם משך פון טאג, אלע פיער זייטען פון דער וועלט, זאל עס בעלייכטען דעם גאנצען טאג. די ליכטיגקייט פון דער זון איז נישט נאר גוט דערמיט, וואס זי בעלייכט די וואהנונג, נאר דערמיט, וואס זי היט איהר אב פון פייכטיגקייט, פון וועלכע, עס נעמען זיך, ווי עס איז בעוואוסט, א סך קראנקהייטען. נאר אין די גרויסע שטעדט, וואו די הייזער ווערען געבויט אנגעקלעפט איינס אן דאס אנדערע, קאן מען פון אזא וואהנונג אפילו נישט אנהויבען צו טראכטען.

די צאהל פון די צימערן דארף זיין לויט דעם געברויך פון דער פאמיליע. נאטירליך, וועמען גאט בענשט מיט קיין עין הרע א סך קינדערלעך און מען קאן זיך ערלויבען א דירה פון א סך צימערען איז קיין קלער נישט, אז וואס מעהר צימערען איז געזונטער. די צימערען דארפען זיין הויך, גערוימיג און ליכטיג, מיט גוטע געמויערטע אויוועס און ווענטילאציעס.

נאר, ווי מיר האבען שוין פריהער געזאגט, איז עס זעהר שווער צו געפינען א וואהנונג, וואס זאל זיין איינגעארדענט לויט אלע כללים פון דער געזונטהייט. לכל הפחות דארף מען אבער זעהן ווי ווייט מעגליך, אז עס זאל חאטש א ביסל זיין נאך דעם איינגעארדענט, מען דארף נישט קוקען אויף דעם, וואס מען קאן א דירה קריגען פאר ביליגער ווייבאלד זי איז נישט געבויט היגעניש. עס לוינט צוליב די געזונטהייט זיך אבצוזאגען פון אנדערע בעקוועמליכקייטען און אפילו צו וואהנען א ביסל ווייטער פון געשעפט.

צום אומגליק אבער בויען אונזערע „ווירטען" די הייזער נאך אזא פלאן, אז די קליינע צימערלעך און צווישען זיי געוועהנליך אויך די קינדער-צימער, זאלען זיין פינסטער, און די ארימע קינדער, וואס מוזען נישט ווילענדיג פארברענגען דארטען א דריטעל יאהרען, געניסען נישט דאס ליבע ליכטיקייט פון דער זון, וואס דאס שאדט זעהר צו זייער געזונטהייט, און ווירקט שלעכט אויך אויף זייער גייסט. ווי שיין, רייך די דאזיגע קליינע תפיסות זאלען נישט זיין אויסגעפוצט קענען זיי נאר גוט זיין צו האלטען דערינען פארשידענע ווירטשאפט זאכען, אבער באין אופן נישט דאס טייערסטע פון אונזער לעבען — אונזערע קינדער.

ביים דינגען א וואהנונג, קוקען מיר באלד אויפ'ן זאל און קאבינעט, מיר בעטראכטעי שארף צי די ווענט זענעי מיט שיינע טאפע-

טען, אויב אויף דער סטעליע (פאטאלאק) איז דא א שיינע „ראזעטע", וואו דער לאמפ דארף הענגען, מיר פארלאנגען דורכאויס, אז די פענסטער זאלען ארויסגעהן אויפ'ן גאס. נאר צי קומט אריין דורך די דאזיגע גאס פענסטער גענוג ליכטיגקייט פון דער זון – דאס מאכט אונז ווייניג אוים. דאס שלאף און קינדער-צימער שפיעלט ביי אונז צום אומגליק אזא קליינע ראלע, אז מיר בעקימערען זיך ארום זיי זעהר ווייניג, און באמת וואס פאר א נפקא מינה איז דען ווי די דאזיגע צימערען זענען, ווער זעהט זיי? וועלכער גאסט קוקט זיי אן? שלאפען קאן מען אומעטום, אבי נאר אונטער א דאך, און אז מען האלט שוין ביים ארויסגעהן, גיט מען פארבייגעהענדיג א וואורף מיט די אויגען אויף דער קיך אויך, וועגען דער קיך לוינט זיך דאך אוודאי נישט צו דאגה'ן. געהן די קעכין אויף פארזארגען מיט א ליכטיגע וואהנונג? וועלכע רעכטע בעל הבית'טע וועט דאס געהן זיך ברודיגען אין קיך? אי וואס, ס'איז פינסטער, נו, וועט די קעכין אנצינדען דעם קיכען-לעמפעל, וועט האפען דורכ'ן חדש נאך א פאר גראשען נאפט. אי עס הערט זיך נישט קיין גוטער ריח? אבי אין זאל איז פארגאסען מיט פארפומען. מיר פארגעסען, אז אין א פינסטערע און איין אומריינע קיך קאן מען קיין געזונטע עסען נישט קאכען. דאס עסען ווערד פון דעם שלעכטען ריח, פון די פארשטיקטע לופט פארדארבען, עס בעקומט א שלעכטען געשמאק און אומזיסט ערגערט זיך די בעל הבית'טע אויף דער ארעמער דיענסט, אז זי פארשטעהט נישט צו קאכען, ווען נישט קיין ריינע, ליכטיגע קיך קאן די פרישעסטע עסען נישט גוט שמעקען. מען דארף דעריבער אויך די קיך האלטען ריין און ליכטיג און ביים דינגען א דירה דארף מען אפשר די קיך מעהר אין זינען האבען ווי דעם זאל מיט די שיינע טאפעטען.

מלכה גאלדמאן.

---

## אלערליי.

**געבענשטע פרויען.** אין דער שטאדט האהענראדע (זאקסען) לעבט א געוויסע פרוי הענניג, וועלכע גאט האט געבענשט מיט אכט קינדער זכרים און אלע אכט זענען געזונט און שטארק. אלע קינדער האבען אין דער דייטשער ארמע געדיענט. די אלע אכט געזונטע סאלדאטען האבען זיך אין זייערע מאנדורען געלאזט אפפאטאגראפירען און האבען דאס בילד דעם דייטשען קייזער צוגעשיקט און דער קייזער האט די געבענשטע מוטער, ווי ער האט איהר אנגערופען, געהייסען יעדעס יאהר אויסצאהלען פון דער רעגירונגס-קאסע 300 מארק. איין אנדערע נאך מעהר געבענשטע מוטער געפינט זיך אין עסטרייך. זי הייסט פרוי וויינבערגער, איין אלמנה, וואס דער מאן האט איהר איבערגעלאזט א גאנצען טוץ זכרים, אלע צוועלף זיהן האבען געדיענט אין דער עסטרייכישער ארמע און אלע צוועלף זענען אין דיענסט בעריהמטע מוזיקער געווארען און היינט האבען זיי זיך געמאכט זייער אייגענע קאפעליע, וועלכע איז כמעט אין גאנץ עסטרייך בעקאנט. נישט לאנג האט דער קייזער פראנץ יאזעף דער דאזיגע געבענשטע מוטער געשענקט א גאלדענע האלזקייט, אויף וועלכע עס הענגען צוועלף דאפעל-דוקאטען און א קרייץ בעזעצט מיט ברילאנטען.

---

## א טעות

אין נומער 32 ביי די נדבות פאר דעם נאציאנאל-פאנד דארף זיין אנשטאט דובאסארי אנארליק.

---

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.
פערלאג „פאלקסבילדונג".

---

# החתימה לשנת תרס"ד

על העתון השבועי המצויר לבני הנעורים

## עולם קטן

שנה שלישית | שנה שלישית

דמו"ל: | העורכים:

הוצאת „תושיה" בורשה. | א. ל. בן-אביגדור וש. ל. גרדון.

העתון המצויר האחד בספרותנו בכלל והיחיד ומיוחד לבני הנעורים שלנו בפרט.

שפת ה„עולם קטן" קלה וטבעית והסגנון נאה ומלבב.
ה„עולם קטן" היא מנוקד כלו.

כל גליון מלבד שהוא נעים לקריאה ומלבב את נפש הקוראים הקטנים והצעירים, הנהו גם מעין חריסטומטיה מצוינה ללמוד שפת עבר. העתון נדפס על ניר יפה ובדפוס מהודר והתמונות מצוינות ביפין וטובן.

## מחירו 4 רובל לשנה

2 רובל לחצי שנה, 1 רובל לרבע שנה.

החותמים בפעם אחת לשנה שלמה מראשית שנת תרס"ד יקבלו בסוף השנה תשורה יפה חנם. דמי החתימה יוכלו לשלם גם לשעורין: 2 רובל בעת החתימה ושני הרובל הנותרים בראשית הרבע השני.

---

כתור הוספה מיוחדת ל„עולם קטן" ירחוי פדגוגי בעד ההורים והמורים בשם:

## „הפדגוג"

בו יבואו מאמרים מכל מקצעות החנוך וההוראה. החדשות במקצוע החנוך, החנוך העברי ביחסו אל החנוך הכללי, כרוניקה מעולם ההוראה העברית והמורים העברים, בקרת ספרי הלמוד והקריאה לבני הנעורים, ועוד.

מחיר „הפדגוג": 3 רובל לשנה, 1,50 רובל לחצי שנה, 75 קאפ' לרבע שנה. לחותמי ה„עולם קטן" 2 רובל לשנה, 1 רובל לחצי שנה 50 קאפ' לרבע שנה.

---

הוספה חדשה ל„עולם קטן": ירחון לבני הנעורים בשם „הנעורים".

## חדשה לקוראנו!

עוד לפני שלש שנים, בראשית גשתנו להוצאת ה„עולם קטן", הבטחנו להוציא שני עתונים לבני הנעורים: אחד לילדים ואחד לנערים. אבל אח"כ נוכחנו, כי כל עוד לא בראנו לנו קהל קוראים צעירים הגון — קשה יהיה להוציא את שני העתונים הנזכרים בבת אחת, ונהיה אנוסים להסתפק בעתון אחד, שהיה בעקרו לילדים ושאח"כ השתכלל ויהי לעתון מיוחד לילדים ועתה הננו שמחים להודיע, כי אחרי שנתחבב ה„עולם קטן" על קוראנו ומצבו התבסס יותר — הגיעה השעה, שנוכל להגשים את רעיוננו מכבר ולמלא את אשר הבטחנו בשלמות.

והננו נגשים עתה להוציא בתור הוספה שניה ל„עולם קטן" ירחון מצויר לבני הנעורים, בשם:

## „הנעורים"

בו יבואו: שירים, ספורים, ספרי-מסע, תולדות אנשי שם, מאמרי מדע פופולריים, ידיעות ומקרי הימים, עם תמונות וציורים שונים. השפה תהיה נוחה והמלים הקשות תהיינה מנקדות, ובמקום הצרך גם מבארות.

החוברת הראשונה כבר נמצאה תחת מכבש הדפוס.

מחירו: לשנה 3 ר', לחצי שנה 1,50 ר', לרבע שנה 75 ק'. לחותמי ה„עולם קטן": לשנה 2 רובל, לחצי שנה 1 רובל, לרבע שנה 50 קאפ'.

האדריסה

ברוסיה: Издательство „ТУШIЯ“ Варшава.

בשאר ארצות:

Administration „Olam Katan“, Krakau, Sebastyang. 32.

הוספה חדשה ל„עולם קטן": ירחון לבני הנעורים בשם „הנעורים".

Herausgeber Verlag Volksbildung Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher Krakau Druck v. S. L. Deutchrer, Podgorze b. Krakau

## אויף דעם זאמעל־בוך „הילף“

וואס די גאנצע הכנסה געהט פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב.

**(פרייז 1 רובל מיט פארטא)**

**יוריעוו:** א. אונ מ. יאקאבזאהן 1 עקז ; **ראקיטנא:** מ. פרייסמאן 1 עקז׳ ; **וואפניארקא:** מ. וואנעטיק 1 עקז׳ ; **רעוועל:** ש. פאמערענץ 2 עקז׳.

## נדבות

(דורך די אדמיניסטראציאן יודישע פאלס־צייטונג אין קראקוי).

**פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב:**
די ארבייטער פון יובילער פאבריק פון גוטמאן 4.7 רובל.

**פאר דעם נאציאנאל־פאנד:**
נאסף לטובת הקיפה הלאומית ע״י הציוניסטישער פעראיין ביאגארליק (פלך פאדאל) על חתונת בתו של מ. א. וויטקאווסקע סך 5.61 רובל; כמו כן ע״י הפעראיין הנ״ל מה׳ ג. ל. ראקאוו 1 רובל; ח. ראקאוו 75 ק׳; מ. קעלמאנאוויטש 68 ק׳; א קלעפפער 59 ק׳; א. ז. ישפה 58 ק׳; י. טאבאטש־ניק 50 ק׳; ר חייצין 42 ק׳; : ליווישין. מ. א. וויטקאווסקע כ״א 40 ק׳; א. רעזניק. ש. שטיינבערג כ״א 30 ק׳; מ. סאסליק 21 ק׳; א כהנזאהן, ז. פאחיע כ״א 20 ק׳; ש. באקמאן 15 ק׳; מ. נאטערמאן 12 ק׳; י. האלפירין 11 ק׳; מ. גאליר, נ. ליווישין, י. בראדסקע, פ. לעמבריצקע, א. א. ווערבוך, א. גאלאנטער, כ״א 10 ק׳; א. שטערמאן. א הורוויץ כ״א 5 ק׳ — ס״ה 13 22 רובל.


איינציגע ברוכבענדער, וועלכע היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך זינד נור **„אלעקסאנדערס“**

## נייעס!! נייעס!!

### ברוכבענדער עלעקטרא־גאלוואנישע

היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך, אונ נאך 3 מאנאטליכען טראגען ווירד דער ברוך גענצליך אויסגעהיילט. — ויי האלטען גוט איין דעם ברוך אונ דריקען נישט דעם קערפער, וועהרענד אהנע עלעקטריע איז דאס אונמעגליך. **בויכבענדער** פיר פרויען, עלאס־טישע גוממי שטרימפפע פיר גע־שוואלענע פיס, ברילל׳ען מיט ווענעציאנישע גלעזער, וועלכע שטערקען די אויגען, אפאראטע פיר העמערוידען, אויך אנדערע כירורגישע אונ אפטישע ארטיקעל עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען די לאנג יעהריגע פירמא

**Хирургическо-Оптическій магазинъ**
подъ фирмою **Александеръ**
Сенаторская 22, Варшава

דא עס האט זיך געצייגט אז מען מאכט נאך אונזערע ברוכבענ־דער, ביטען וויר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אריגענאלע מיט׳ן סטעמפעל פון אונזער פירמא.

וויר בעזיצען הונדערטע דאנקשרייבען פון די יענינע וואס האבען געטראגען אונזערע ברוכבענדער.

ביי בעשטעלונגען פער פאסט דארף מען נור איינשיקען דאס מאס פון קערפער הערום. — פרייז 1 זייטיגע 6 רובל, 2 זייטיגע 10 רובל. 149 50 20

די פירמא עגזיסטירט זייט 1885 יאהר.



הוצאת „תושיה“.

ספר חדש

## ארץ ישראל.

ספר למוד **הגיאוגרפיה של ארץ ישראל** עם מפה בעלת צבעים **בעברית**

מאת **יהודה גרזובסקי.**

וזה תכנו:

דברים אחרים.

**פרק א:** מקום ארץ ישראל, שמותיה, גבולותיה, גדלה וחלוקתה.

**פרק ב:** ההרים, העמקים והמדברות.

**פרק ג:** הימים והנחלים

**פרק ד:** שלטון הארץ, יושביה, עריה הגדולות ומושבות היהודים.

**פרק ה:** תוצאות הארץ, האקלים, תכונת הארץ ואחדים מחקי הארץ.

(252) מחירו 25 ק׳, פארטא 2 ק׳. 3—5

Издат. „Тушія“ Варшава. — Verlag „Tuschija“ Warschau

בע״פ : נובוליפקי 7 מעון 9.



# בְּשׂוֹרָה נְעִימָה!

## צָאת לְאוֹר סֵפֶר תּוֹלְדוֹת יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּר!

לְלַמֵּד אֶת יַלְדֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַהִיסְטֹרְיָה הַבִּבְלִית עִם קִצּוּר דִּבְרֵי יְמֵי עַמֵּנוּ עַד חֲתִימַת הַתַּלְמוּד, בִּשְׂפַת עֵבֶר עַל טָהֳרַת הַקֹּדֶשׁ עִם תַּרְגּוּם רוּסִי, מֵאֵת הַבַּלְשָׁן הַנּוֹדָע הַמְדַקְדֵּק וְהַמְבָאֵר הר׳ יִצְחָק וָורְשָׁאווְסְקִי, שֶׁרֶק הַהִיסְטֹרְיָה הָעִבְרִית הַזֹּאת לְבַדָּהּ מְאֻשֶּׁרֶת מִטַּעַם הַמֶּמְשָׁלָה בְּתוֹר סֵפֶר לִמּוּד הַהִיסְטֹרְיָה הַבִּבְלִית (УЧЕБНИКЪ по Библейской Исторіи) יָצָא לְאוֹר בְּתַבְנִית מְפֹאֶרֶת עַל נְיָר יָפֶה וּדְפוּס יָפֶה נֶחְמָד לְמַרְאֶה, עִם צִיּוּרִים רַבִּים מְהֻדָּרִים וְעִם הוֹסָפוֹת וְתִקּוּנִים וְהֶעָרוֹת כְּרוֹנוֹלוֹגִיּוֹת וּבֵאוּרִיּוֹת בִּשְׂפַת רוּסְיָה מֵאֵת הַמְחַבֵּר, לְמַעַן אֲשֶׁר יִמְצְאוּ בוֹ תּוֹעֶלֶת רַבָּה מֵבִין עִם תַּלְמִיד. וְאַף כִּי הַהוֹצָאָה הַזֹּאת עָלְתָה בְּדָמִים מְרֻבִּים מְאֹד, עכ״ז קִצַּבְנוּ אֶת מְחִיר הַסֵּפֶר רַק 60 קָאפּ׳, עִם פָּארְטָא 75 קָאפּ׳ וְע״י נאכנאהמע 85 קָאפּ׳. לְסוֹחֲרֵי סְפָרִים וּלְבָתֵּי סֵפֶר רַבָּאט הָגוּן.

אדרעסע: 255

**Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.**



Оптическо-Хирургической складъ
И. ПИКЪ
Налевки 35 Варшава

ברוכבענדער עלעקטרא - גאלוואנישע מיט גומי פעלאטין, וועלכע האלטען גענצליך איין דעם ברוך אונ דריקען נישט דעם קערפער. ברוך- אונ בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע גומי-שטרימפפע פיר געשוואלענע פיס, גארסעטען פיר גארבאטע, קינסטליכע פיס אונ הענד, שטוצנע אויגען, ברילען מיט בעלגישע גלעזער פיר קורצע אונ שוואכע ראיה, ווי אויך אללע אפטישע אונ חירורגישע אר-טיקעל אין גרויסען אויסוואהל צו זעהר ביליגע פרייזען עמפפעהלט אפטיק

**י. פיק, נאלעווקי 35 ווארשא.**

אלץ ווערד צו געפאסט דורך ספעציאליסטען

234——25 12



## היימישע מיטטאגען!

צו מעססיגע פרייזען, אויך פער-שיעדענע צייטונגען צום לעזען ביי

**אהרן משכיל־לאיתן**

ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7, אין טהויער, 2 שטאק. (192) 50-27



**ТОЛЬКО** нѣсколькими рублями может каждый завести постоянный хорошій заработокъ у себя дома. Объясненіе безплатно.

Адресъ: **Я. Найдичъ, Варшава.**



## אומזוסט אהן געלד!!

שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען אונ נייהען אלערליי מלבושים. אדרעסע:

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варщава.



## בוכבינדער־

### געהילפען

ווערדען געברויכט ביי

**S. BANDET, Buchbinder**

**Krakau,**

Krakauergasse 25 (Oesterreich).



בבית־מסחר־ספרים של

**ז. ש. שרעבערק**, ווילנא, סטעפענג.

נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.

Книжн. магаз. З. Ш. Сребрека, Вильна. 225 50—15



## בית־מסחר ספרים

### ב. צ. שיינפינקעל

**ווארשא זלאטע** 63

מוכר, קונה ומחליף כל מיני ספרים בתנאים נאותים למאד. (210 50 20



בבית מסחר הספרים

**י. ראזומאווסקי בברדיטשוב**

ובהמחלקה שלו **בווארשא, נאלעווקי** 34 אצל **א. ציילענגאלד** נמכרים כל מיני ספרים במקחים נמוכים. (217) 50 18



פריוואט-אנשטאלט פון קינדבעטורין פון ד״ר **וואוועלבערג**, לעשנא 79, ווארשא נעהמט אן ארעמע קינדבע-טורינס אומזאנסט. פיר פערמעגלי-כע בעזונדערע צימער פאר צאהלונג. אומזאנסטער אמבולאטאריום פיר פרויען-קראנקהייטען פון 10 ביז 12 פריה. (20—15) 231



פערלאג „פאלקסבילדונג“.

# ציוניסטישע ביבליאטהעק.

ב.

## די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.

פרייז 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ.

ג.

# דער זעקסטער ציוניסטען קאנגרעס

פרייז 8 קאפ. מיט פארטא 10 ק.

ציוניסטישע אגודות אונ מו״ס בעקומען ראבאט.

Издат. „Тушія“, Варшава. — Verlag „Tuschijah“, Warschau.

# י. שעקמאן, ווארשא.

פאבריק פון זילבער 84 פראבע
(128) עט פלאטעע־וואארען. 50 37

Я. ШЕКМАНЪ Варшава, Налевки № 20.

**НУЖНЫ АГЕНТЫ** 160—14 121

для сбыта **издѣлій штемп. фабрикаціи** и **патент. предметовъ** со значительн. прибылью. **Первоклассн. производство. Не смѣшивать** съ другими **мелкими** заведеніями. Рефлектанты благовол. указать родъ занятій и адр. **Каталоги** и **условія безплатно.** Конт. паров. типогр. и фабр. штемп. **И. ЗИМАНЪ**, г. **Бѣлостокъ**

---

## !!!חדשה חשובה

**ידות־העט עם לוח־השנה.**

שש בקופסא אחת במחיר 1 רובל
ושש עשרה בקופסא " 2 "

יש להשיג אצל הממציא עפ"י הכתבת:

Г. ЮФФЕ, Варшава. Павья 12.

---

Зеркальный фабрикантъ
ЮДКА ВЕЙНБЛАТЪ,
Варщава, Слизская 22.

עמפפעהלט אללע סארטען פערטיגע שפיגעל, אויך אללע צודאטין פיר שפיגעל פאבריקאנטען, צו גראססע אונד קליינע פאבריקאציאן. די בעסטע עצות אין די פאבריקאציאנסגעשעפט אנגעלעגענהייט. ביליגסטע פרייזען.

(104) 25—24

---

# אינטערעסאנט, שען און וויכטיג

אין דער בעריהמטער אדעסער

## יודיש־רוסישער טעגליכער

# אבריים־קאלענדאר

# (ОТРЫВНОЙ КАЛЕНДАРЬ)

## אויף דעם יאהר 1904 (תרס"ד־תרס"ה)

(צווייטער יאהרגאנג)

דער אינטערעסאנטער אבריים־קאלענדאר איז זעהר שען און רייך געדרוקט פון ביידע זייטען אויף פיין פאפיער אין א וואונדער שענעם ארדנונג מיט א פיין איליוסטרירט ווענטל אין זעכס שענע פארבען.

אינהאלט פון קאלענדאר:

1) יודיש־רוסיש־אויסלענדישער דאטום, (אין יודיש, רוסיש, דייטש, פראנצויזיש, און פויילישע שפראכע).
2) זונן־אויפגאנג־זונן־אונטערגאנג,
3) צייט פון ליכט בענשען,
4) ראש חודש בענשען, מולדות,
5) וויכטיגע היסטארישע בעשרייבונגען,
6) יאהרצייטען פון יודישע גרויסע מענער,
7) אפאריזמען (ערהאבענע געדאנקען) שטראף־רייד,
8) טיראושען פון די באנק־בילעטען,
9) פלאטץ אויף בעמערקונגען, (для замѣтокъ)

אויף דער צווייטער זייטע קומט.

10) וואונדער־שענע אנעקדאטען,
11) וויכטיגעס פיר יודען, היסטארישע ערקלערונגען וועגען ימים טובים און תעניתים,
12) וויסענשאפטליכע, אינטערעסאנטע און וויכטיגע ארטיקלען.

**דאס ווערטע פובליקום וועט גאנץ איבערראשט זיין פון דיזען וואונדער־שענעם אינטערעסאנטען וויכטיגען אבריים־קאלענדאר.**

## פרייז 30 קאפ׳, מיט פארטא 40 קאפ׳.

4 קאלענדארען אויף איינמאל איז פארטא־פריי. — ווייניגער פון 10 קאלענדארען ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט. — לסוחרים ראבאט הגון.

**Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ, Еврейская № 35.**
**Buchhandlung Gebrüder Bletnizky in Odessa (Russia).**

(248) 15—5

---

**☛ Paryzkie nowe modele**

rekomenduje znany magazyn

**Okryć damskich, wierzchów do futer i kostjumów**

**D. Borodowski,** Warszawa, Leszno 9 m. 4.

Na żądanie wykonywam wszelkie obstalunki w 24 godzin.

(148) 25—18

---

**„אראגא־גורסקי, ווארשא,** לעשנא № 4

דאס איינציגסטע מיטעל צום אויסראטען **נאגניאטקעס** (היגנער־אויגען) **בראדאווקעס און פערהארטעטע הויט** צור פרייז 30 קאפ׳ און 50 קאפ׳. פארדערן איבעראל.

(129) 25—25

---

# !!!לעזט און הערט דעם אמת

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אויס קיין שום ברוך. דאס גוטיגקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.



זאלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג

**Д. Мошковскій, Варшава**
Налевки № **37**

(135) 50—31

---

## !!!נאך נישט קיין געוועזענער צופאל



אזוי ווי ביי אונז איז דא א גרויסער זאפאס סחורה, האבען מיר זיך בעשלאסען פון יולי אהן צו בעשטימען א פרייז, וואס איז נאך נישט געוועזען: **פאר 6 רובל מיט 50 קאפ.** שיקען מיר ארויס פיער זאכען, וואס קאסטען אין בעזונדער פערקויף 12 רובל מיט 75 קאפ. 1) א גוטע טאשען־זייגער פון עכטען פראנצויזישען גאלד „ יעק" אויפצוציעהען אהן א שליסעל אדער א דאמען־זייגער 6 רובל 50 קאפ. 2) א פראנצויזישע קייטעל אדער צו א דאמען־זייגער א האלז קייטעל פון דעם אייגענעם מעטאל 1 רובל 50 קאפ. 3) א פאריזער קאמפאס אדער א בונאקלע מיט רייצענדע פיגורען פון פערשידענע שענהייטען 50 קאפ. 4) איין עלעגאנטען רינג פון מאססיווען גאלד 56 די פראבע, נייע פאסאנען מארקיז ארומגעשאטען מיט עכטע פאריזער בריליאנטען, און אין מיטען א רובין, סאפיר, איזאומרוד אדער בירוז לויט ווי דער בעשטעלער קלויבט אויס 4 רובל 25 קאפ. צוזאמען 12 רובל 75 קאפ. נאר פאר 6 רובל 50 קאפ. די אייגענע זייגערס מיט קופערטען מיט די אלע ביילאגעס מיט 2 רובל טהייערער. די זייגערס ווערען צוגעשיקט אבגעצויגען און אויס רעגולירט אויפן מינוט לויט די ווארשעווער אבסערוואטאריום צייט מיט א קאוציאן פאר ריכטיג געהן אויף 6 יאהר. בעשטעלונגען ווערען תיכף ארויסגעשיקט מיט א נאלאזש אהן האנדגעלד.

צו אדרעסירען:

Варшава »Континентъ« Центральная почта № 473.